# פרשת וישב י"ז – כ"ג כסלו תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות שנערכה על ידי אברכי הכוללים דקהלתנו הק', לרגל השמחה בבית **רבינו שליט"א**, והתקיימה בהיכל הכולל בבארא פארק.

בסעודת השבע ברכות השמיע דברים הר"ר **אברהם יואל יאקאבאוויטש** הי"ו, **והרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** ראה"כ בב"פ. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לרגל השמחה, משולב בדברי הדרכה ומוסר לאברכי הכולל ההוגים בתורת ה'.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד אכסניא, אכסניא של תורה, די כוללים פון די קהלה וואו מען זיצט און מען לערנט, אונטער די הדרכה פון די ראשי הכוללים. מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט די חשיבות פון די בני הכולל, איך וויל אויך צוגעבן א פאר ווערטער דערצו.

**מען** זיצט ביי א סעודה פון א שבע ברכות. אין די גמרא (כתובות יז.) שטייט, כיצד מרקדין לפני הכלה, ווען מען האט משמח געווען פאר א כלה, און מען האט געטאנצט, וואס האט מען געזינגען דעמאלטס? איז א מחלוקת די בית שמאי מיט די בית הלל. די בית הלל זאגן, אז מען האט געזאגט, כלה נאה וחסודה. בפשטות, מען האט גערימט די כלה, זי איז א כלה נאה וחסודה, זי איז א ערליכע, זי האט די מעלות פון א יודישע טאכטער. די בית שמאי האבן זיך געדינגען דערויף, קען מען דען זאגן אויף יעדע כלה אז זי איז א כלה נאה וחסודה, מדבר שקר תרחק (שמות כג-ז), מען קען נישט זאגן דעם טיטול. נאר וואס דען, מען זאל זאגן כלה כמות שהיא, א כלה אזוי ווי זי איז. יעדע כלה האט דאך געוויסע מעלות, מען זאל ארויסברענגען די מעלות וואס זי האט יא. מען קען נישט זאגן אויף יעדע כלה, כלה נאה וחסודה. און די בית הלל האבן געהאלטן, אז אפשר צו זאגן א קאמפלימענט אין שטוב, מעג מען זאגן א ליגענט אויך. מען קען זאגן כלה נאה וחסודה אפילו עס איז נישט אינגאנצען אמת, וויבאלד עס ברענגט אהבה און קרבות און שלום בית, קען מען זאגן כלה נאה וחסודה.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט דערין אויך א תפלה. מען געפונט ביי אסתר המלכה, אז עס שטייט אין פסוק (אסתר ב-ז) והנערה יפת תואר וטובת מראה וגו', ותשא חן וחסד לפניו מכל הבתולות. און עס איז א מחלוקת אין די גמרא (מגילה יג.) צו אסתר המלכה איז באמת געווען א כלה נאה. איין דיעה איז דא אין די גמרא, אסתר ירקרוקת היתה, די אויסזעהן פון אסתר איז נישט געווען שיין, אבער פון דעסטוועגן דאך איז געווען א חוט של חסד משוך עליה, אז כל אחד ואחד נדמתה לו כבני אומתו. דער באשעפער האט איר געגעבן א חן, וואס דער חן איז א מתנה טובה פונעם אייבערשטען, אז אפילו אויף א זאך וואס איז נישט שיין, אבער דער חן וואס עס האט, גיט די געפיל אזוי ווי עס וואלט געווען בעצם שיין. און די מעלה האט אסתר געהאט, אז אפילו זי איז געווען א ירקרוקת, פון דעסטוועגן דאך כל אחד ואחד נדמתה לו כאומתו, מיט וועם זי האט זיך געטראפן, האט אויסגעקוקט אזוי ווי זי איז איינע פון איר פאלק. וועגן דעם האט איר אחשורוש אויסגעקליבן.

**קומט** אויס, אז א כלה וואס איז זוכה צו זיין ערליך, איז אפילו ווען בעצם איז זי נישט נאה, פון דעסטוועגן דאך האט זי א ברכה פונעם אייבערשטען, אז עס איז דא א חן, כלה נאה וחסודה. איז מען מתפלל אז די כלה זאל זיין א חסודה, אויף דעם קען מען דאך מתפלל זיין, אז מען זאל זיין ערליך, און דאס וועט מיט ברענגען מיט זיך, אז זי וועט זיין א כלה נאה אויך.

**און** דעם חן גיט דער אייבערשטער פאר אלע לומדי תורה. אזוי שטייט אין די גמרא (עירובין נד:), אז די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן (משלי ה-יט), און ווען א יוד איז עוסק בתורה באקומט ער דעם חן. עס שטייט אין די גמרא (סוכה מט:) כל אדם שיש עליו חן, בידוע שהוא ירא שמים. חן איז א זאך וואס א מענטש קען גארנישט טון דערצו בידים ער זאל זוכה זיין צו חן, עס איז א מתנה פונעם אייבערשטען. ווען איינער פירט זיך אויף ערליך, און מען לערנט תורה, באקומט ער א חן פונעם אייבערשטען. - און

עס קען זיין, אז אפילו א כלה וואס איז בעצם נישט נאה, האלטן די בית הלל אז מען קען זאגן כלה נאה וחסודה. אויב זי איז חסודה, זי איז ערליך, קען מען זאגן אז זי איז אויך א כלה נאה.

*

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **הפלאה**, וואס ער שטעלט זיך אויף די צווייטע העלפט, וואס מיינט עס כלה כמות שהיא? זאגט דער הפלאה, מען זעהט, אז יעדע חשובע זאך וואס עס איז דא אין קדושה, ווערט עס מרומז אז עס איז דומה צו א כלה. ביי תורה הק' שטייט (שמות לא-יח) ויתן אל משה ככלותו וכו', זאגט רש"י ככלתו כתיב וכו'. כלל ישראל איז דומה צו א כלה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר ז-א) ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן, און ווי רש"י זאגט, אז כלל ישראל איז געווען דומה צו א כלה הנכנסת לחופה. שבת איז דומה צו א כלה, לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה. די שכינה ווערט אנגערופן אין הייליגע ספרים מיטן נאמען כלה. יעדע חשובע זאך וואס עס איז דא, האט מען מדמה געווען צו א כלה. דאס ווייזט די געוואלדיגע חשיבות פון א כלה, אז יעדע דבר חשוב שבקדושה האט מען צוגעשטעלט, אז דאס איז אזוי ווי א כלה. זאגט דער הפלאה, ווען מען האט געוואלט משבח זיין די כלה, האט מען געזאגט, 'כלה', יעדע חשובע זאך רופט מען מיטן טיטול פון כלה, וואס דאס איז 'כמות שהיא', מען איז עס מדמה אזוי ווי זי איז. דו ווילסט וויסן די חשיבות וואס א כלה מיינט, יעדע זאך אין קדושה ווערט אנגערופן כלה, כמות שהיא, אזוי ווי זי איז.

**דער** שורש דערפון איז א גמרא אין מסכת יבמות (סג:). די גמרא זאגט, אמר רבא בא וראה כמה טובה אשה טובה, וכמה רעה אשה רעה, קום און זעה די חשיבות אז מען איז זוכה צו האבן א אשה טובה, און ח"ו ווי שלעכט עס איז, אז מען האט א אשה רעה. פון וואו ווייס איך אז עס איז גוט א אשה טובה, דכתיב (משלי יח-כב) מצא אשה מצא טוב, זאגט דאך דער פסוק אז ווען מען טרעפט א אשה, האט מען געטראפן טוב. אי בגוה משתעי קרא, אויב דער פסוק גייט ארויף כפשוטו אויף מצא אשה, איז דאך כמה טובה אשה טובה, שהכתוב משבחה, איז דאך די פסוק אליין איר משבח אז מצא אשה מצא טוב, דארף איך דאך נישט קיין ראיה דערויף. אי בתורה משתעי קרא, אויב דו ווערסט זאגן אז דער פסוק מצא אשה מצא טוב, גייט נישט ארויף אויף א אשה, נאר עס גייט ארויף אויף תורה, כמה טובה אשה טובה שהתורה נמשלה בה, אז די פסוק וויל ארויסברענגען די חשיבות פון תורה, רופט ער אן די תורה, מצא אשה, עס איז אזוי ווי דו האסט געטראפן א אשה. אז די חשיבות פון תורה איז אזוי ווי אשה, איז דאך א סימן אויף די געוואלדיגע מעלה וואס א אשה טובה האט. מען דארף נישט האבן קיין עקסטערע פסוק אלץ א ראיה אז א אשה טובה איז גוט, ווען דער פסוק איז משבח אז תורה איז גוט, און די פסוק גיט דעם משל דערויף, עס איז אזוי גוט ווי א אשה טובה, איז א סימן אויף די געוואלדיגע מעלה וואס א אשה טובה האט.

**אבער** הא גופא קשיא, פארוואס האט דער פסוק ממשיל געווען, אז תורה איז אזוי ווי א אשה טובה. וואס איז די נקודה, די קשר צוזשטעלן איינס מיטן אנדערן? די חשיבות פון תורה דארף מען דאך נישט ארויסברענגען, און כל שכן פאר בני תורה. און מען דארף עס צושטעלן אז דו זאלסט וויסן, אז תורה דאס איז מצא אשה, די תורה איז גוט, עס איז אזוי ווי מען האט א אשה טובה.

**בפשטות**, אויף די חשיבות פון תורה זאגט דאך די גמרא (יומא עב.), אז יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י). די תורה האט נישט קיין חשיבות, נאר אז מען לערנט תורה בטהרה, מען לערנט תורה ערליך, מען לערנט תורה בקדושה, מען איז זיך פורש פון הבלי עולם הזה און מען ליגט אין תורה, די תורה איז ריין, דאס איז די חשיבות וואס תורה האט. מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט, כי בן זקונים הוא לו (בראשית לז-ג), איז מרומז אלע סדרי משניות (בעל הטורים שם) חוץ טהרות, ווייל טהרות לערנט מען נישט ביי קיין רבי'ן, טהרות גיט מען נישט איבער איינער פארן צווייטן, טהרות דאס דארף זיין אן אייגענע עבודה וואס מען דארף ארבעטן דערויף. זוכה צו זיין צו דעם יראת ה' טהורה, זאגט די גמרא דאס איז נושא אשה ואחר כך לומד תורה. די לימוד התורה וואס מען לערנט אלץ בחור, קען זיין מען האט געלערנט פלייסיגער אלץ בחור ווי מען לערנט אלץ יונגערמאן. מען האט געקענט אוועקגעבן מער צייט דערויף, וואס נאך די חתונה איז דאך רחיים על צווארו ויעסוק בתורה (קידושין כט:). אבער די תורה וואס מען לערנט שפעטער, דאס איז א חשיבות פון

תורה בטהרה, דאס איז יראת ה' טהורה עומדת לעד. לערנען קען מען אפשר מער אלץ בחור, אבער אז עס זאל בלייבן א קיום פון די תורה, די תורה זאל זיך צוקלעבן צו דעם מענטש, ווי מער דער מענטש איז ריין, קלעבט זיך תורה צו צו אים.

**ווען** די תורה האט געוואלט ארויסברענגען דעם חשיבות פון תורה, האט מען עס צוגעשטעלט, אז דאס איז אזוי ווי א אשה טובה. ווען מען איז זוכה צו א אשה טובה וואס זי איז מסייע צו די תורה, דעמאלטס באקומט די תורה די טובה. שרוי בלא אשה, שרוי בלא חומה, זאגט די גמרא (יבמות סב:). ווילאנג מען האט נישט חתונה, האט מען נישט קיין חומה אקעגן דעם יצר הרע, אשתו משמרתו געפינט מען אין די גמרא (קידושין פ:). די שמירה וואס א יוד האט זיך צו פירן בקדושה, דאס איז נאכדעם וואס ער האט חתונה.

**איז** דאך דאס אז מען איז זוכה צו תורה, תלוי אין די אשה וואס מען האט באקומען. האט די תורה געשריבן מצא אשה מצא טוב, די תורה האט מחשיב געווען אז די חשיבות פון א אשה טובה איז, אז די תורה איז נמשלה בה, דורך איר איז ער זוכה ער זאל זיך קענען פירן ערליך, און עס איז מצילות אותנו מן החטא.

*

**די** גמרא (יבמות סג.) זאגט אז רבי חייא האט געהאט א שלעכט ווייב, און פון דעסטוועגן דאך ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויף די גאס, און ער האט געטראפן עפעס א שיינע זאך, האט ער איר אהיימגעברענגט א מתנה. זי איז געווען א מפורסמת פאר א אשה רעה, און רב האט אים פארגעהאלטן, פארוואס ברענגסטו איר א מתנה? האט ער געענטפערט, דיינו שמצילות אותנו מן החטא, ומגדלת את בנינו. עס קומט איר קרעדיט, זי איז אונז מציל פונעם חטא, און זי איז מגדל אונזערע קינדער. עס קומט זיך איר א מתנה, אפילו זי איז א אשה רעה, ווייל איך האב אסאך נוצן דורך איר. ווער ערציהט מיינע קינדער? זי. זי בלייבט אינדערהיים מיט די קינדער, זי פלאגט זיך מיט די קינדער, זי שטייט אויף ביינאכט צו געבן דאס עסן פאר די קינדער, זי איז מגדלת את בנינו. עס איז מיינע קינדער, און זי טוט זיי ערציען. ומצילות אותנו מן החטא, מיר פירן זיך ערליך, וואס דאס איז דאך דאס גאנצע לעבן פונעם מענטש צו זיין ערליך, און זי איז אונז מציל פון א חטא, קומט איר דער קרעדיט.

**איך** פלעג אסאך מאל צו זאגן, **ווען איינער האט א שלעכטע ווייב און ער ברענגט איר א מתנה, און מען וועט אים פרעגן פארוואס האסטו געקויפט א מתנה? קען מען ענטפערן דערויף צוויי תירוצים. אדער קען מען זאגן, איין טאג וועט זי כאטש זיין גוט, חיי שעה איז דאך אויך עפעס. כאטש דעם טאג וואס איך האב געברענגט א מתנה, וועט זי נישט זיין קיין אשה רעה, האב איך שוין פארדינט, איין טאג אראפגעגאנגען פונעם אשה רעה. אדער וועט ער זאגן, ער האט געברענגט א מתנה, ווייל אפילו אויב אויף איין טאג וועט עס אויך נישט העלפן, אבער סוף כל סוף וועט על כל פנים זיין גרינגער. נאך א מתנה איז דאך נישט אזוי אנגעצויגען ווי פאר דעם. ער וועט עפעס פארדינען! בעסער געזאגט, ווען ער ברענגט א מתנה, האט ער פארדינט עפעס! ער איז 'איר' נישט מחשיב, אז זי טוט עפעס, נאר ער וויל 'זיך' באווארענען. ער איז אין א פראבלעם, ער האט א אשה רעה, ווי אזוי קען ער זיך גרינגער מאכן, זוכט ער וועגן. אז ער וועט ברענגען א מתנה, וועט זי זיין וואויל וכדומה.**

**רבי** חייא האט נישט דאס געזאגט. ער האט געזאגט, איך ברענג איר א מתנה, ווייל איך טו אנערקענען דעם קרעדיט וואס עס קומט זיך איר! זי האט מעלות אין זיך! **כאטש זי איז א אשה רעה האט זי מעלות אין זיך, אז זי העלפט מיר ארויס!** א מענטש קוקט אייביג נאר אויף וואס עס פעלט אים, זי האט מיר נישט צוגעשטעלט הונדערט פראצענט וואס איך האב געוואלט. פארוואס קומט זיך נישט קיין דאנק אויף וואס זי האט דיר יא צוגעשטעלט?! ווער ערציהט דיינע קינדער? זי! ווער איז דיך מציל מן החטא? זי! פארוואס קומט זיך איר נישט קיין מתנה דערויף? ווייל דו באקומסט נישט אלעס וואס דו האסט דיר פארגעשטעלט צו באקומען. דאס האט ער ארויסגעברענגט, איך האב געברענגט די מתנה ווייל עס איז דיינו שמצילות אותנו מן החטא, ומגדלות את בנינו, עס קומט איר אויף דעם קרעדיט.

*

**עס** וואלט געקענט זיין נאך א נקודה וואס דער פסוק זאגט אז תורה איז דומה לאשה. מען ווייסט אז

עס שטייט אין די גמרא (נדה ל:), אויפן פסוק (איוב כט-ב) מי יתננו כירחי קדם, אז יעדעס קינד פאר ווערט געבוירען, ווילאנג ער איז נאך במעי אמו, איז דא א מלאך וואס לערנט מיט אים כל התורה כולה. עס איז נר דלוק על ראשו, א ליכט ברענט אים אויפן קאפ, און ער זעהט מסוף העולם עד סופו, וכיון שבא לאויר העולם, קומט דער מלאך, און ער נעמט עס אוועק פון אים, און מען הייבט אן צו לערנען תורה פון די אל"ף. קומט אויס, אז יעדער יוד האט אמאל געקענט כל התורה כולה, אונז האב מיר אלע געקענט כל התורה כולה. וואס כל התורה כולה מיינט כפשוטו, כל התורה כולה, אלעס! עס איז נישט געווען קיין נקודה פון תורה, וואס מען האט נישט געוואוסט. אונז האב מיר אלע זוכה געווען אמאל, ווען מיר זענען געווען במעי אמו, אז עס איז געווען נר דלוק על ראשו, ורואה מסוף העולם עד סופו. אזוי ווי צדיקים וואס האבן געקענט זעהן פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט, אזוי האט יעדער יוד געהאט אמאל דעם כח אין זיך. און די גמרא זאגט, אז עס איז נישט קיין חידוש, ווייל א מענטש זעהט אין חלום, כאטש ער איז דא, זעהט ער וואס עס טוט זיך אין אספמיא. מען קען זיין אויף איין פלאץ, און זעהן ערגעץ אנדערש אויך. עס איז נישט אזא גרויסער חידוש, דאס רואה מסוף העולם עד סופו. אבער מען דארף פארשטיין, סוף כל סוף האט מען עס צוגענומען פונעם מענטש, פארוואס האט מען עס אים געגעבן מעיקרא? מעיקרא מאי קסבר, ולבסוף מאי קסבר. פארוואס האט מען אונז קודם געגעבן אז מיר האבן געקענט די גאנצע תורה, און נאכדעם נעמט מען עס צו, און מען הייבט אן פונעם אל"ף. אויב מען געדענקט עס ממילא נישט, פארוואס האט מען עס געלערנט פון פריער.

**עס** איז באקאנט דאס ווארט פונעם **רבי ר' אלימלך זי"ע** (**בליקוטי שושנה** ד"ה משוך), אז ווען א יוד וואלט נישט זוכה געווען צו לערנען קודם כל התורה כולה פון א מלאך, וואלט נישט געווען מעגליך אז א גוף פון א בשר ודם, זאל קענען קולט זיין אין זיך די תורה. א גוי קען נישט קונה זיין אין זיך קיין תורה, וויפיל מען זאל לערנען מיט אים, פארשטייט ער גארנישט. אבער א יוד, אפילו א קליין קינד פארשטייט מער וויפיל א געלערנטער גוי קען פארשטיין פון תורה. ווייל אזוי ווי אונז האב מיר שוין אמאל געלערנט כל התורה כולה, מיר האבן עס געלערנט מיט א קדושה, א מלאך האט עס מיט אונז געלערנט, האבן מיר באקומען דעם כח אז מיר זאלן קענען זוכה זיין משיג צו זיין תורה.

**און** אז דער אייבערשטער האט עס געגעבן פאר יעדן קינד, איז א סימן, אז יעדער יוד האט די מעגליכקייט צו קענען כל התורה כולה! אויב מען זאל נישט קענען, קענען כל התורה כולה, פארוואס האט מען געדארפט לערנען מיט אים כל התורה כולה. אויב ער קען נישט לערנען מער ווי בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא, איז גענוג אז מען זאל אים אויסלערנען די דריי מסכתות, פארוואס דארף ער קענען כל התורה כולה? איז דער טייטש, אז יעדער יוד האט אין זיך דעם כח צו קענען כל התורה כולה, ווייל ער האט עס שוין אמאל געלערנט. און אויף דעם האט איוב געזאגט, מי יתננו כירחי קדם, ווער וועט מיר געבן איך זאל זיין אזוי ווי מען איז געווען אין די חדשים במעי אמו. - קומט דאך אויס, אז די תורה וואס מיר לערנען, האבן מיר שוין אמאל געהאט. מיר האבן עס פארלוירן, און ווען מען לערנט, קומט אים צוריק די תורה וואס ער האט געהאט געלערנט אמאל דורך א מלאך, ווען ער איז געווען במעי אמו.

**די** גמרא (קידושין ב:) זאגט, אויפן פסוק (דברים כד-א) כי יקח איש אשה, אז דרכו של איש לחזור אחר אשה. דער סדר איז, אז ער דארף נאכגיין נאכן שידוך, ער דארף איר קונה זיין. משל לבעל אבידה, ווער איז מחזיר על אבידתו, דער בעל האבידה. מיר זענען אלע בעלי אבידה, אונז האב מיר געהאט כל התורה כולה, און מען האט עס פארלוירן. און ווען ער לערנט תורה, דארף ער חוזר זיין אויף זיין אבידה. און יעדע קידושין פון א פרוי, איז אויך די זעלבע. זי איז א צלע וואס איז באשאפן געווארן פונעם מאן, כי מאיש לקחה זאת (בראשית ב-כג), עס איז זיין אבידה, און אז עס איז זיין אבידה, דארף ער נאכגיין נאך זיין אבידה.

ווען א מענטש גלייבט אין דעם באמת, אז יעדע ווייב איז א חלק פונעם מאן! נישט צוויי פרעמדע מענטשן האבן זיך צוזאמגעשטעלט, און מען וואוינט אינאיינעם, און מען איז מגדל א שטוב צוזאמען. נאר עס איז נישט מעגליך אז דו זאלסט האבן דיין שלימות, נאר מיט איר. ווייל דו ביסט א פלג גופא, עס פעלט דיר איין חלק פון דיין גוף, און דאס האט

דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין איר. און עס איז נישט שייך צו זיין א פלג גופא, מען מוז זיין א שלם. און די שלימות קענסטו נישט האבן, נאר מיט די צלע וואס עס איז מיט דיר צוגעבינדען. ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזין בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), דעם שידוך וואס דו האסט געטראפן, איז נישט דא פאר דיר עפעס אנדערש, דאס האט מען דיר צוגעגרייט אין הימל. און וואס דו ווען טון עפעס אנדערש, וועסטו נישט צוקומען צו דעם וואס דו דארפסט צוקומען. ווען דו ווייסט אז דאס איז דיין אבידה, און דו דארפסט נאכגיין נאך דיין אבידה, דאס איז א חלק פון מיר, און אין דעם חלק דארף איך זעהן עס זאל זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות, דעמאלטס האלט זיך עס צוזאמען.

**האט** דער פסוק צוגעשטעלט, אז תורה איז נמשלה לאשה, מצא אשה מצא טוב. אזוי ווי ביי די אשה זעהט מען, אז דרכו של איש לחזור אחר אשה, פארוואס, ווייל דער בעל האבידה דארף נאכגיין נאך די אבידה. די זעלבע איז אויך ביי תורה, דו האסט געהאט די גאנצע תורה, נאר עס איז געשעהן אן אבידה, דו האסט עס פארלוירן, דער בעל אבידה קען נאכגיין זיין אבידה, און ער קען זוכה זיין שפעטער צו כל התורה כולה.

*

**נאך** א געוויסע נקודה איז דא, וואס תורה איז דומה צו א אשה. ביי א אשה איז דא צוויי ערליי, עס איז דא מצא אשה מצא טוב, און עס איז דא ומוצא אני מר ממות את האשה. אמאל איז מען זוכה צו א אשה טובה, און אמאל דארף א מענטש מיטמאכן דעם לעבן, ווען דער אייבערשטער באשערט אים א אשה וואס איז מר ממות. די אשה קען זיין טובה, די בעסטע לעבן וואס דער מענטש האט, איז ווען ער איז זוכה צו א אשה טובה. און די ביטערסטע זאך וואס ער קען האבן אינעם לעבן, איז א אשה רעה, וואס איז מר ממות, עס איז ביטערער פונעם טויט.

**תורה** איז אויך די זעלבע. די גמרא (קידושין ל.) דרש'נט, ושמתם (דברים יא-יח) תורה איז נמשלה לסם, אמאל איז עס א סם חיים, און אמאל איז עס א סם המות. זכה, אז מען איז זוכה, ווערט די תורה פאר אים א סם חיים. לא זכה, אז מען איז נישט זוכה, ווערט די תורה פאר אים א סם המות. וואס דער ביאור דערפון איז, אז מען לערנט תורה ערליך, און מען פירט זיך על פי דרכי התורה, וואס ער האט געלערנט איז נישט געווען סתם אז ער זאל קענען די פלפול דערפון, ער זאל קענען די הלכה, נאר עס זאל זיין לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה, ער לערנט תורה כדי צו וויסן ווי אזוי צו זיין א יוד. איך דארף קענען הלכות שבת, און איך דארף קענען הלכות תפלה צו וויסן ווי אזוי מען דאווענט, און ווי אזוי מען מאכט א ברכה אויף יעדע זאך, ווי דער סדר איז פון אן ערליכן יוד. דעמאלטס ווערט די תורה א סם חיים, ער לעבט מיט די תורה, די תורה גיט אים זיין חיות, די תורה איז חייך ואורך ימיך. עס איז דא אמאל, וואס מען לערנט תורה, און מען פירט זיך נישט ווי עס פאסט פאר א בן תורה. און אז מען פירט זיך נישט אויף ווי עס זאל פאסן פאר א בן תורה, רופט עס אן דער פסוק (משלי ח-לו) כל משנאי אוהבי מות, עס איז אזוי ווי אוהבי מות ח"ו, עס איז א בחינה פון מיתה.

**א** בן תורה א כולל יונגערמאן, דאס איז דאך די חשוב'סטע וואס עס איז דא אין די וועלט. ביי אונז אין די קהלה איז דער כולל די פראכט פון די קהלה. ויגבה לבו בדרכי ה', כולל יונגעלייט דארפן וויסן אז זיי זענען די שענסטע וואס די וועלט פארמאגט, זיי זיצן און לערנען, זיי זענען זיך מפריש פון עניני עולם הזה, מען לעבט נישט אין די גאס, מען זיצט אין בית המדרש, יעקב איש תם יושב אהלים, עס איז די חשוב'סטע וואס דער אייבערשטער האט אויף די וועלט.

**אבער** א בן תורה האט נאר א חשיבות, ווען ער פירט זיך ווי א בן תורה. אויב מען זעהט ביי אים אז זיין הנהגה איז אסאך מאל שוואכער ווי א פשוטער יונגערמאן פירט זיך, איז ער פון די משניאי תורה, ער פארפיינטעט די תורה. דאס איז תורה? אזוי קוקט אויס א תלמיד חכם? אזוי קוקט אויס איינער וואס זיצט און לערנט אין כולל? ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה) דרש'נט די גמרא (יומא פו.) אהבהו על הבריות, מען דארף באליבן דעם אייבערשטען אויף מענטשן. אז מען פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, עס איז דיבורו בנחת, ער רעדט ארענטליך, עס איז משאו ומתנו באמונה, ווען עס קומט צו האנדלען מיט א צווייטן איז ער אויסגעהאלטן, ער איז ערליך, דעמאלטס זאגט מען, אשרי אביו שגדלו, אשרי רבו שלמדו תורה, עס ברענגט צו אהבת ה', ואהבת את ה'

אלקיך. ח"ו ווען עס איז נישט דיבורו בנחת עם הבריות, ער איז צולאזט, ער רעדט נישט איידל ווען ער רעדט צו א צווייטן, מען קען טאקע נישט אנכאפן דו האסט געטון א זאך אקעגן די תורה, וואו שטייט אין חומש אז עס דארף זיין דיבורו בנחת עם הבריות? אבער וואס זאגן מענטשן? מענטשן זאגן, אזא איינער וואס פירט זיך אזוי אויף, איז א שאד. אוי לאביו שגדלו, אוי לו לרבו שלמדו תורה, קוקטס ווי אזוי עס זעהט אויס איינער וואס האט געלערנט. מען איז ח"ו משניא די תורה, ווען מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין.

**איך** וועל עס ארויסברענגען לגבי א געוויסע נקודה פון דאווענען. עס איז דא א וועג ווי אזוי א בעל הבית דאווענט, און עס איז דא א וועג ווי אזוי א תלמיד חכם דאווענט, און עס איז דא א וועג ווי אזוי בני תורה דארפן צו דאווענען. **אריין קומען שפעט צום דאווענען, ווען מען קומט אריין ביי הודו, און מען איז שוין אינדרויסן ביי די צווייטע העלפט פונעם דאווענען, ווייל ער האט נישט קיין צייט, ער דארף גיין אין כולל, ער מוז דאך לערנען. ער וויל טאקע נישט מזלזל זיין אין תפילה ח"ו, אבער ער מוז דאך זיין באצייטנס, וועגן דעם איז ער מזלזל אין תפלה. ווען א בעל הבית פון דער זייט קוקט עס צו, ער זאגט טאקע גארנישט, אבער וואס טראכט ער ביי זיך? דאס איז א כולל יונגערמאן?! פארוואס דאווענט ער שוואכער ווי עס דאווענט א יוד וואס גייט אין דער ארבעט, וואס יענער קען יא זיין צופרי' נארמאלערהייט ביים דאווענען, און דאווענען מלה במלה, און ער גייט ארויס פונעם דאווענען ווי עס דארף צו זיין. ווי איז ער?! ער איז דאך דער בן תורה?! עס איז ח"ו סם המות. עס ברענגט ארויס דעם היפך וואס תורה דארף ארויסצוברענגען.**

**איז** דער פסוק ממשיל אז תורה איז נמשלה לאשה. דו זאלסט וויסן, אזוי ווי ביי אשה איז דא א אשה טובה, און עס איז דא א אשה וואס איז מר ממות, די זעלבע איז אויך ביי תורה, עס איז דא א תורה וואס עס איז א סם חיים, עס איז דומה צו א אשה טובה, און עס איז דא א תורה וואס איז דומה צו א אשה וואס איז מר ממות.

**די** חשיבות פון לומדי תורה איז, נישט נאר צו לערנען. נאר אויך ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, ווי אזוי די הנהגה איז אויף די גאס, עס זאל זיך דערקענען אויף אים, אשרי רבו שלמדו תורה, אשרי מי שעמלו בתורה, וואויל איז פאר דעם וואס זיצט און לערנט, קוק ווי שיין עס איז זיינע וועגן, כמה מתוקנים מעשיו, ווי שיין ער פירט זיך, ווי שיין זיינע מעשים זענען מתוקן.

**מען** זעהט, ווען א תלמיד חכם, א רב, א רבי, טוט אמאל א זאך וואס מען האט א קשיא דערויף, איז די קשיא טויזענט מאל גרעסער, ווי ווען א פשוטער בעל הבית וואלט עס געטון. ער פארלירט די גאנצע חשיבות, דאס איז דער מוסטער ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן? אזוי דארף מען אויסצוקוקן? אזוי דארף מען צו טון? אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו (אבות ב-ד), מסתמא איז דא תירוצים פארוואס מען האט אזוי געטון וכדומה, אבער די נקודת הדברים איז, דער וואס קוקט עס אן פון אינדרויסן, האט קשיות פארוואס מען האט אזוי געטון. און דאס דארף זיך א בן תורה שטארק היטן, מען דארף זיין אויסגעהאלטן מער אויף דער גאס, ווי ווען ער איז אין שטוב. אין שטוב איז בינו לבין קונו, מיטן באשעפער קען מען זיך גרינג אן עצה געבן, דער באשעפער ווייסט פארוואס מען האט עס געטון, און ווי אזוי עס איז געווען, אבער ווען עס איז בין אדם לחבירו, מען איז אינדרויסן אויף דער גאס, דארף מען זיך וויסן צו פירן, אז מען זאל דערקענען אז דאס איז א בן תורה.

**ב"ה** די כוללים ביי אונז איז פקיע שמיה אז מען זיצט און מען לערנט, און עס איז נישט נאר לימוד התורה, נאר עס איז יראת ה' טהורה עומדת לעד, ב"ה עס איז א סם חיים, מען לערנט תורה, און עס ברענגט ארויס אהבת תורה, מען פירט זיך אזוי ווי בני תורה דארפן זיך אויפפירן. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין אויף דעם וועג, עס זאל זיין שטובער וואס זענען אנגעפולט מיט אהבה ואחוה ושלום ורעות. דער חתן שטעלט אויף יעצט א פרישע שטוב, מצא אשה מצא טוב, מען איז מתפלל כלה נאה וחסודה, ווי מען האט פריער גערעדט, עס זאל זיין נשיאת חן. אז מען פירט זיך ערליך, איז דא חן, סיי די כלה נאה, און סיי דער חתן נאה. ווען דער חתן פירט זיך אויף שיין, האט ער אויך אן עקסטערן חן, א חתן אין דעם טאג וואס מען איז מוחל די עונות האט ער א חן, יעדער

חתן האט א חן אויף זיך, דאס נעמט זיך פון דעם ווייל מען האט אים מוחל געווען די עונות, א בחינה פון א ירא ה', וואס ברענגט חן. זאל דער אייבערשטער געבן, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, און מיר אלע זאלן זיך קענען פרייען איינער מיטן אנדערנ'ס שמחה. מען זאל זוכה זיין כמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות שהתקיימה ברוב פאר והדר בבית מדרשו של הסב הגדול **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

*

***יום שני פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יקותיאל יהודה פנחס אייזענבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וישראל** אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקונים הוא לו (לז-ג), יעקב האט ליב געהאט יוסף מער פון אלע קינדער, ווייל ער איז אים געווען א בן זקונים. רש"י ברענגט צו מערערע פשטים וואס דער בן זקונים איז. בפשוטו איז דער פשט פון א בן זקונים, אז ער איז געבוירן געווארן אויף די עלטער, ער איז דאס יונגסטע קינד, און צו א בן זקונים איז דא א אהבה. רש"י איז אבער נישט צופרידן מיט דעם פשט, ווייל עס איז געווען בנימין, וואס איז געווען א גרעסערע בן זקונים, ער איז געבוירן געווארן נאך שפעטער. אויב די אהבה איז נאר, ווייל ער איז א בן זקונים, וואלט געדארפט זיין די אהבה צו בנימין, און נישט צו יוסף. טייטשט רש"י, ארי בר חכים הוא ליה, כל מה שלמד בשם ועבר, האט ער אלעס איבערגעגעבן פאר יוסף. ער האט אים ליב געהאט, כי בן זקונים הוא לו, אויף די תורה וואס איז געווען אין יוסף, מער ווי אין אלע אנדערע שבטים. דער **בעל הטורים** זאגט, אז בן 'זקנים' איז א רמז אויף די ששה סדרים וואס איז דא. ז'רעים, ק'דשים, נ'שים, י'שועות, מ'ועד. א רמז אויף די ששה סדרי משנה וואס יעקב אבינו האט געלערנט מיט יוסף.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט פונעם **גערער רבי זצ"ל**, וואס ער האט געפרעגט, אז עס איז דא נאך א זעקסטער חלק, סדר טהרות, פארוואס איז נאר אויסגערעכנט אז ער האט אים ליב געהאט כי בן זקנים הוא לו, ער האט געקענט 'זקנים', וואס טוט זיך מיט טהרות. דער גערער רבי האט געענטפערט דערויף, אז טהרות איז מען נישט מקבל פון א צווייטען, אויף טהרות דארף מען אליין הארעווען. לערנען תורה קען מען ביי א רבי אויך, אבער טהרות איז א אייגענע עבודה פאר זיך, מען דארף זיך אויסארבעטן דערצו, כדי מען זאל קענען אליינס צוקומען דערצו, דאס האט ער נישט מקבל געווען פון יעקב.

**עס** קען אבער זיין אז דער פשט דערפון איז, אוודאי די איבריגע שבטים האבן אויך געלערנט תורה. אויב עס איז געווען א אהבה צו יוסף, ווייל יוסף לערנט תורה, וואלט ער האט געקענט ליב האבן ראובן שמעון און לוי, עס האט נישט געפעלט תורה ביי קיין איינער פון די שבטי י-ה. די מעלה וואס יוסף איז געווען מער פון די איבריגע איז געווען, וואס די גמרא (יומא עב:) זאגט, אז די חשיבות פון לימוד התורה איז, יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), אז מען לערנט תורה בטהרה. דאס איז די חשוב'סטע תורה וואס איז דא אין אלע סוגים פון תורה. יוסף איז דאך געווען מדת יסוד. נישט נאר שפעטער ווען ער האט עומד געווען בנסיון איז ער צוגעקומען צו די מדריגה, נאר דאס איז געווען די מהות פון יוסף, ער איז שטענדיג געווען בקדושה ובטהרה און פרישות, און וועגן דעם האט ער געקענט שפעטער עומד זיין בנסיון. יוסף האט געהאט טהרות נאך פאר ער האט אנגעהויבן צו לערנען מיט יעקב, דאס האט מען נישט געדארפט מיט אים לערנען. ווייל ער האט געזעהן אז אין יוסף איז דא טהרה, און טהרות דארף מען מיט אים נישט לערנען, ווייל דאס האט ער אליין, וועגן דעם האט ער אים אויסגעקליבן, און מיט אים האט ער געלערנט די איבריגע חלקים פון תורה, וואס מען האט געדארפט צולערנען דערצו.

**וישראל** אהב את יוסף מכל בניו, וועגן דעם האט ער ליב געהאט יוסף מער פון אלע אנדערע קינדער, כי בן זקנים הוא לו, מיט אים האט ער נאר געדארפט לערנען, ז'רעים ק'דשים נ'שים י'שועות מ'ועד, און טהרות האט ער נישט געדארפט מיט אים לערנען, ווייל טהרות האט ער שוין פארמאגט פון זיך אליין. ווען ער וואלט נישט פארמאגט אין זיך טהרות קודם, וואלט ער אים נישט איבערגעגעבן כל מה שלמד משם ועבר. נאר אזוי ווי יוסף איז געווען מופלג בטהרה, וועגן דעם האט ער אים איבערגעגעבן די גאנצע תורה. קיום התורה איז נאר דורך דעם וואס מען לערנט תורה בטהרה.

**אויף** מצות מילה שטייט אין פסוק (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי, עס איז נישט נאר א ברית פון מילה, עס איז אויך א ברית פון תורה, אן מצות מילה קען מען נישט זוכה זיין צו תורה. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מצות מילה דאס איז א הקדמה צו תורה. מילה איז דאך קדושה וטהרה, מען לייגט ארויף אויפן קינד א חותם קודש. איז עס נישט נאר א ברית פון יומם, וואס מען איז מקיים בשעת מען מל'ט דאס קינד, נאר דאס איז א בריתי פון 'יומם ולילה', עס ווערט נמשך דאס גאנצע לעבן. פיר און צוואנציג שעה אין טאג דארף א יוד לעבן מיט די קדושה און טהרה, און דעמאלטס איז ער זוכה צו תורה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, מלובש בבגדי שבת בעידן חדוותא.

בשעות הערב נקבצו קהל המונים להשתתף אצל שמחת השבע ברכות רבתי שנערך על ידי קהלתינו הק' בהיכל בית מדרשנו הגדול לרגל השמחה הרוממה בחצר קדשינו.

השמחה עברה ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב תלמידים וחסידים, שגדשו את היכל הבית המדרש. – בין המשתתפים בסעודת השבע ברכות נמנו: **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א, כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, כ"ק האדמו"ר מקראלי שליט"א, כ"ק הגה"צ אב"ד בוענאס איירעס שליט"א**, ועוד.

בתחלת סעודת השבע ברכות השמיע הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו דברים ערבים בגודל רוממות יום שמחתינו, שמחת בית צדיקים. אחר פרקי שירה וזמרה בנעימים על ידי מקהלת אברכי אנ"ש יחד עם המנגן הר"ר עמרם אקער הי"ו, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד שמחת חתן וכלה.

עם סיום הדברות קודש נשמעו דברי בדחנות על ידי הרב **אברהם מרדכי מלאך** שליט"א, ונתכבד המחותן אבי הכלה שליט"א בברכת המזון. באמירת הברכות נתכבד הסב **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, ובברכה אחריתא נתכבד הסב **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

אחר סעודת השבע ברכות המשיכו הקהל בריקודין של שמחה וחדוה בהיכל הבית המדרש, **ורבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו הגדול **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, ועם **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א.** – בסיום הריקודין עברו כל הקהל לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש בשירה וזמרה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל קודם באגריסן אלע חשובע גוטע פריינד, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די סעודת שבע ברכות. איך וויל באדאנקען פאר די אלע וואס האבן זיך משתתף געווען די גאנצע צייט פון די שמחה, אנגעהויבן פון שבת באווארפן, די חתונה, שבת שבע ברכות. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיך קענען שטענדיג מיטפרייען איינער מיטן אנדערנ'ס שמחה. - איך וועל זיך אפשטעלן אויף א ענין וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם. דער ענין פון שידוכים, דער ענין פון זיווגים. וואס איך מיין אז יעדער וועט קענען טרעפן א געוויסע נקודה פון חיזוק וואס איז נוגע אין דעם ענין. איך וועל עס נאר מלביש זיין מיט דברי תורה.

**די** גמרא (מועד קטן יח:) ברענגט צו א מימרא פון רב, אז מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים, מה' אשה לאיש. דאס וואס מען טרעפט א שידוך, דאס איז מה', דאס איז פון אייבערשטען. און אויף דעם איז דא א פסוק אין תורה, און עקסטער אין נביאים, און עקסטער אין כתובים. אין די תורה שטייט, אז לבן און בתואל האבן געזאגט, מה' יצא הדבר (בראשית כד-נ). אין נביאים איז דא א פסוק ביי שמשון (שופטים יד-ד).

און אין משלי (יט-יד) איז דא א פסוק מה' אשה משכלת. און עס שטעלט זיך תיכף די קשיא, וואס איז נישט מה'? אלעס איז פון אייבערשטען! מיר גלייבן אין השגחה פרטית, אז עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס געשעהנט פון זיך אליין, וואס עס איז נישט דא קיין גזירת עליון דערויף, אז עס זאל אזוי זיין. יעדע תנועה וואס א מענטש גייט אדורך, איז אלעס מיט א חשבון. די גמרא (חולין ז.) זאגט, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה, אפילו אויף א קלאפ אינעם פינגער איז דא אן הכרזה פאר דעם, איז דאך אלעס מה'. - און די גמרא (שם) אליין זאגט אקעגן די יצירה פונעם מענטש, אז ארבעים יום קודם יצירת הולד, מכריזין בת פלוני לפלוני, מען רופט אויס זיין שידוך. מען רופט אויס זיין פרנסה און זיין דירה, בית פלוני לפלוני, שדה פלוני לפלוני. דער מלאך ברענגט די טיפה פארן אייבערשטען, און מען זאגט, צו ער וועט זיין עני אדער א עשיר, א חכם אדער א טיפש (נדה טז:), אלעס ווערט אויסגערעכנט פאר דעם. פארוואס דארף מען האבן דריי פסוקים אז מה' אשה לאיש, אלעס איז דאך פונעם אייבערשטען.

**איך** וועל עס משלב זיין צו די פרשה די וואך. די תורה פארציילט ווי אזוי יוסף איז אנגעקומען אויף מצרים, און ער איז פארקויפט געווארן פאר א עבד ביי פוטיפר אין שטוב. די תורה פארציילט, אז פוטיפר האט זיך אומגעקוקט אויף יוסף, וירא אדוניו כי ה' אתו, זיין אדון האט געזעהן אז דער אייבערשטער איז מיט אים, וכל אשר הוא עושה, ה' מצליח בידו, און אלעס וואס ער טוט, איז דער אייבערשטער מצליח אין זיין האנט. וואו האט ער געזעהן כי ה' אתו? ער איז מכיר דעם אייבערשטען? עס פעלן דען גוים עובדי עבודה זרה וואס האבן הצלחה אין זייערע געשעפטן? דער עובד עבודה זרה זאגט נישט אז ה' אתו. וואס האט דער גוי דא געזעהן אז דער אייבערשטער איז מיט אים, וכל אשר הוא עושה, און אלעס וואס ער טוט, ה' מצליח בידו, איז דער אייבערשטער מצליח ביי אים.

**און** נישט נאר פוטיפר האט עס געזעהן, נאר ווען מען האט אים אריינגעשטעלט אין בית הסוהר, שטייט אין פסוק (לט-כג), אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה בידו. דער שר בית הסוהר האט נישט געזעהן ביי אים גארנישט אין די האנט. דער תרגום טייטשט, אז ער האט נישט געזעהן ביי אים קיין שום חטא, באשר ה' אתו, ווייל ער האט אויך געזעהן אז דער אייבערשטער איז מיט אים. ואשר הוא עושה, און וואס יוסף טוט, ה' מצליח, איז דער אייבערשטער מצליח. ווי קומט עס אז ביידע האבן געזעהן, כי ה' אתו, אז דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט אים.

**דער בעל הטורים** שטעלט זיך אויף נאך א נקודה. אז פריער שטייט וכל אשר הוא עושה, ה' מצליח 'בידו', און דא שטייט נאר ואשר הוא עושה, ה' מצליח. זאגט דער בעל הטורים, ביים אדון האט ער דאך געהאט אסאך ארבעט וואס ער האט געדארפט צו טון, האט ער געזעהן די ארבעט וואס ער טוט, אז ה' מצליח בידו. אבער אין בית הסוהר זיצט מען דאך, מען טוט דאך נישט קיין ארבעט דארטן, האט ער נאר געזעהן ואשר הוא עושה, ה' מצליח.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון איז, איך וועל מקדים זיין נאך א גמרא, וואס דארף האבן א ביאור. די גמרא (חולין ז:) זאגט, אז עס שטייט אין פסוק (דברים ד-לה), אין עוד מלבדו, עס איז נישט דא נאך עפעס אויסערן אייבערשטען. זאגט די גמרא, אמר רבי חנינא אפילו כשפים, אפילו כישוף, וואס כישוף האט דאך א גרויסן כח, איז עס נישט העכער פונעם אייבערשטען כביכול. עס קען נישט משנה זיין וואס דער אייבערשטער האט געזאגט. אין עוד מלבדו, העכער פונעם אייבערשטען, אין עוד, איז נישט דא. עס איז נישט דא א זאך וואס זאל קענען זיין העכער פונעם דיבור פונעם אייבערשטען, אפילו כשפים.

**פארציילט** די גמרא, אז עס איז געווען א פרוי, וואס איז געווען א כשפנות, זי האט געמאכט כישוף, און זי האט געוואלט הרג'נען דעם רבי חנינא. און רש"י זאגט, אז זי איז נאכגעגאנגען צו נעמען ערד וואס איז געווען אונטער די פיס-טריט פון רבי חנינא, און מיט דעם וועט זי מאכן כישוף, און זי וועט אים הרג'נען. רבי חנינא האט זיך נישט דערשראקן, מען רעדט פון זיין לעבן, און כישוף האט א גרויסן כח, און ער האט איר געזאגט רואיגערהייט, שקולי, נעם פון מיר וואס דו דארפסט, לא מסתייעא מילתיך, דו וועסט ממילא גארנישט קענען טון, אין עוד מלבדו כתיב, אויסערן אייבערשטען איז נישט דא גארנישט, און אפילו מיט כישוף קען מען גארנישט טון. אויב

עס איז נגזר געווארן, איז נגזר געווארן, אבער דו קענסט גארנישט טון.

**פרעגט** די גמרא, והאמר רבי יוחנן, למה נקרא שמן כשפים, פארוואס הייסט עס כישוף, שמכחישין פמליא של מעלה, עס האט א כח מכחיש זיין פמליא של מעלה. טייטשט רש"י, שלא גזרו על האדם זה למות, אין הימל האט מען נישט גוזר געווען אז דער מענטש זאל שטארבן, והוא מת על ידי כשפים, און כישוף האט א כח אז עס נעמט אים אוועק פון די וועלט. זעהט מען דאך אז עס איז יא דא א כח. עס איז מכחישין פמליא של מעלה. ענטפערט די גמרא, שאני רבי חנינא, רבי חנינא איז אנדערש, דנפיש זכותיה, ער האט געהאט גרויסע זכותים, און ער האט נישט מורא געהאט, פאר אים וועט כישוף נישט שאדן.

**עס** איז א געוואלדיגע פלא דער צוזאמענשטעל פון די גמרא. ער הייבט אן מיט א דרשה פון א פסוק אין עוד מלבדו, אז עס איז נישט דא קיין זאך העכער פונעם אייבערשטען, אפילו כישוף אויך נישט. און ער פרעגט, כישוף איז דאך יא מכחיש פמליא של מעלה? זאגט ער, יא, ביסט גערעכט, עס איז דא א כח העכער פונעם אייבערשטען, אבער נישט פאר רבי חנינא. רבי חנינא איז נפיש זכותיה, פאר אים וועט עס נישט שאדן. וויפיל רבי חנינא'ס איז דא אויף די וועלט? מען קען ציילן. דאס איז טייטש, אז אויסער רבי חנינא איז פאר יעדן איינעם כשפים יא מכחיש פמליא של מעלה. פארוואס זאגט ער א דרשה פון א פסוק אין עוד מלבדו, אז עס איז נישט דא אויסער דעם אייבערשטען. כשפים איז דאך יא מכחיש פמליא של מעלה.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז. אוודאי איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט, וואס איז נישט אנגעשריבן פון אויבן אין הימל. יעדע זאך וואס א מענטש גייט אדורך, איז אלעס מיט א חשבון פון אויבן. אין עוד מלבדו, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס מען האט נישט אויסגערופן פון פריער. אבער דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז ער האט איבערגעגעבן די וועלט אין די הענט פון שרים. יעדע לאנד האט א שר אין הימל, און יעדע אומה האט א שר אויף זיך, און יעדער מענטש האט א מזל אויף זיך. די גמרא (מועד קטן כח.) זאגט, בני חיי ומזוני לאו בזכותיה תליא, אלא במזלא תליא, עס האט צו טון מיט זיין מזל. עס איז דא א מדרש (ב"ר א-י), אז עס איז דא מיליאנען גראזן אויף די וועלט, און יעדע גראז האט אן עקסטערע מזל, וואס דער מזל קלאפט אים, און ער זאגט אים גדל, דו זאלסט וואקסן. דער אייבערשטער איז אלעס גוזר, אבער נאכדעם גיט ער עס איבער פאר די שרים, פאר די מזלות, וואס זיי טוען אויספירן דעם דיבור פונעם אייבערשטען. ווי א מלך וואס האט אונטער זיך שרים, וואס דער מלך טוט נישט אליין אויספירן אלעס, ער גיט נאר ארויס וואס מען זאל טון, און נאכדעם טוען עס די שרים מסדר זיין, אזוי איז כביכול ביים אייבערשטען.

**דאס** וואס איז איבערגעגעבן געווארן פאר די שרים אין די הענט, האט כישוף א כח צו מאכן דערין שינויים. דער אייבערשטער האט עס גוזר געווען, אבער עס איז ארויסגעגאנגען פונעם אייבערשטען'ס האנט, ער האט עס איבערגעגעבן פאר די שרים אז זיי זאלן עס טון, האט כשפים א כח מכחיש צו זיין די פמליא של מעלה. אבער א זאך וואס ווערט געפירט פונעם אייבערשטען אליין, דארטן קען כישוף גארנישט פועל זיין. אין עוד מלבדו, עס איז נישט דא א זאך וואס איז העכער פונעם אייבערשטען. און צדיקים וואס זיי זענען אונטער די הנהגה פונעם אייבערשטען אליין, זיי זענען נישט אונטערגעווארפן אונטער שרים, נאר דער אייבערשטער אליין איז זייער שר, ענדליך צו וואס מען געפינט אויף ארץ ישראל, וואס עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א קח:), אז יעדע לאנד האט א שר, אבער ארץ ישראל איז תמיד עיני ה' אלקיך בה, מראשית השנה ועד אחרית שנה (דברים יא-יב), עס איז נישט איבערגעגעבן געווארן פאר קיין שרים, אויף די צדיקים האט אויך נישט כישוף האבן א כח אז עס זאל עס משנה זיין.

**ביידע** זענען אמת. כשפים זענען מכחישין 'פמליא' של מעלה, נישט דעם אייבערשטען כביכול. ווען עס איז ארויסגעגאנגען צו די פמליא של מעלה אז זיי זאלן עס אויספירן, האט כישוף א כח מכחיש צו זיין. אבער אין עוד מלבדו, א זאך וואס איז פונעם אייבערשטען אליין, דארט האט נישט כישוף קיין כח אז זיי זאלן קענען שולט זיין, ווייל דער אייבערשטער אליין פירט עס, און עצת ה' לעולם

תעמוד, און דבר ה' יקום לעולם, עס איז נישט דא א זאך וואס זאל קענען משנה זיין וואס דער אייבערשטער טוט. און נישט נאר וואס דער אייבערשטער טוט, נאר אפילו דער צדיק וואס איז דבוק אין באשעפער, וואס איז ביי אים איז נישט דא עפעס אנדערש נאר דער רבונו של עולם, ער איז מכיר אז יעדע זאך וואס איז דא, איז נאר פונעם באשעפער אליין, ווערט ער געפירט פונעם אייבערשטען. יושב בסתר עליון בצל שד-י יתלונן, אומר לה' מחסי ומצודתי, אלקי אבטח בו, כי הוא יצילך מפח יקוש, מדבר הוות, און פון אלע מזיקים וואס איז אויסגערעכנט דארט אין די פסוקים.

**רבי** חנינא האט געזאגט, אין עוד מלבדו, אפילו כשפים, כשפים האט אויך נישט קיין כח אקעגן דעם אייבערשטען. און וועגן דעם האט ער געזאגט פאר די אשה, דו קענסט נעמען וויפיל ערד דו ווילסט, עס וועט דיר גארנישט העלפן. פרעגט מען, כשפים זענען דאך מכחישין פמליא של מעלה? זאגט ער יא, דאס איז ווען עס איז ארויסגעגאנגען צו די פמליא של מעלה, די פמליא של מעלה זענען זיי מכחיש, אבער רבי חנינא איז דאך נפיש זכותיה, זיין זכות איז, אז ער איז אונטערגעווארפן אונטערן אייבערשטען, נישט אונטער די פמליא של מעלה, און דארט איז נישט שולט קיין כישוף.

**יוסף** איז געווען אין שטוב פון פוטיפר אין מצרים, און נאכדעם אין בית האסורים. מצרים איז א מקום פון כישוף (עיין מנחות פה.), עס איז דא א מאמר חז"ל (זוה"ק ח"א קסז.) אז עשרה קבים כשפים ירדה לעולם, תשעה נטלה מצרים. פון די גאנצע וועלט האט מצרים גענומען ניין קבים כישוף. עס קומט אן יוסף, א נער, א עבד, א יפה תואר ויפה מראה, און ער קומט צווישן מכשפים, פרובירט מען דאך אים צו טשעפענען. האט מען פרובירט כישוף אויף יוסף הצדיק, מען זאל אים הרג'נען, צו מען זאל אים מזיק זיין, צו וואס מען האט געקענט. און וואס מען האט געטון פאר יוסף האט נישט שולט געווען! ווייל יוסף איז געווען אזא קדוש אזוי ווי רבי חנינא. [מער ווי רבי חנינא, נאר איך וויל ארויסברענגען די נקודה פון רבי חנינא], עס איז נפיש זכותיה, אויף אים האט נישט שולט געווען קיין כישוף. און אזוי ווי עס האט נישט שולט געווען אויף אים קיין כישוף, האט ער פארשטאנען, פארוואס איז נישט שולט אויף אים קיין כישוף, ווייל ער איז צוגעבינדען צום אייבערשטען, זיין הנהגה איז אונטערן באשעפער, און אז זיין הנהגה איז אונטערן אייבערשטען, איז אין עוד מלבדו, איז נישט שייך ביי אים קיין כישוף.

**וירא** אדוניו כי ה' אתו, דער אדון האט געזעהן אז דער אייבערשטער איז מיט אים, ער איז נישט אונטערגעווארפן אונטער קיין שרים, ער איז דבוק אינעם אייבערשטען, דער אייבערשטער איז מיט אים! פון וואו האט ער עס געזעהן, ווייל וכל אשר הוא עושה, וואס ער האט געטון, ה' מצליח בידו. וואס מען האט געוואלט טון כישוף אים צו שטערן פון זיין הצלחה, איז נישט געגאנגען. ווי אזוי קען ער מצליח זיין מיט יעדע זאך? איז על כרחך פון דעם, אז דער אייבערשטער איז געווען צוזאמען מיט אים.

**אין עין יעקב** איז געדרוקט א פירוש פונעם **רי"ף** [עס איז נישט דער רי"ף פון די גמרא, אבער ער ווערט אויך אזוי אנגערופן] שרייבט ער אנהייב מסכת ברכות (ז:), ביי די מעשה פון אליהו, וואס ער האט מתפלל געווען עננו, אז מען זאל נישט זאגן אז עס איז מעשה כשפים. שרייבט ער, ידוע, אז דער עיקר כח פון כישוף איז, אז מען גיט איבער א זאך פאר יענעם אין די הענט, אדער ווען מען נעמט פון יענעם, דעמאלטס איז שולט דער כח פון כישוף.

**אז** ביי יוסף האט נישט שולט געווען קיין כח פון כישוף, איז כל אשר הוא עושה, ה' מצליח 'בידו', אפילו ווען מען האט אים עפעס געגעבן 'בידו', וואס דעמאלטס איז דאך די שטערקסטע זמן וואס כישוף קען שולט זיין, ביי יוסף האט עס נישט שולט געווען, און וואס ער האט געטון האט ער מצליח געווען. אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה, דער שר בית הסוהר האט געזעהן, אז עס איז נישט דא קיין שום קלייניגקייט וואס מען קען אים עפעס טון, 'בידו', אפילו ווען מען גיט אים בידו, געשעהנט אויך גארנישט, באשר ה' אתו, עס מוז זיין אז דער אייבערשטער איז מיט אים. און וועגן דעם ואשר הוא עושה, ה' מצליח.

**די** נקודת הדברים איז, אפילו עס איז דא אסאך מאל א כח, וואס כישוף קען מכחיש זיין פמליא של מעלה, אבער וואס עס קומט פון אייבערשטען אליין, אז א יוד איז דבוק אינעם אייבערשטען, ער ווערט געפירט

פונעם אייבערשטען, דארט איז נישט שולט קיין כישוף. בפמליא של מעלה קען שולט זיין כישוף, אבער נישט ביים אייבערשטען, אין עוד מלבדו.

**עס** איז מעגליך צו זאגן, אז דער ענין פון שידוכים, דעם זיווג פונעם מענטש וואס דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט, דאס ווערט נישט איבערגעגעבן פאר קיין שום שר אויבן אין הימל, און נישט פאר קיין שום מלאך, אדער פאר קיין שום מזל וואס זאל דאס פירן, דאס איז פונעם אייבערשטען אליין. אלעס איז פונעם אייבערשטען, אבער אלע אנדערע זאכן האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט אויף די וועלט, אז ער טוט דאס איבערגעגעבן פאר די פמליא של מעלה וואס זאלן עס אויספירן, אבער אויף דריי פלעצער געפונען מיר, מן התורה, מן הנביאים, ומן הכתובים, אז מה' אשה לאיש, און דאס גייט נישט אדורך קיין צווייטן'ס האנט! דער אייבערשטער איז מכריז בת פלוני לפלוני, און דער אייבערשטער איז דער וואס טוט צופירן אז דער שידוך זאל געשעהן. און אפילו כישוף האט נישט קיין כח צו צושטערן א יודישע שידוך. הגם כשפים זענען מכחישים פמליא של מעלה, אבער אז עס איז מה' אשה לאיש, אז עס איז פונעם אייבערשטען, האט כישוף נישט קיין כח עס צו קענען אוועק נעמען.

**אז** כישוף האט נישט קיין כח צו צושטערן א יודישע שידוך, קענען ראובן, שמעון, לוי, יהודה, אוודאי נישט צושטערן א יודישע שידוך. **אסאך מאל גייט מען אדורך שווערע זמנים אין שידוכים, און עס קומט צוריק לשון הרע'ס, דער האט אזוי געזאגט, און דער האט אזוי געטון, און יענער האט אזוי געטון, און דער האט צושטערט דעם שידוך, און מען איז ברוגז פארוואס ער האט אזוי געטון. אוודאי טאר מען נישט צושטערן א יודישע שידוך אפילו עס איז פונעם אייבערשטען. מען טאר נישט רעדן קיין לשון הרע, מען טאר נישט מצער זיין יענעם, עס איז דא א עקסטערע דין וחשבון וואס יענער וועט אפגעבן. אבער צו זאגן אז א מענטש האט געשטערט א שידוך, און וועגן דעם האט עס נישט געקענט ווערן, דאס איז נישט קיין מציאות.** אויב עס איז מה' אשה לאיש, אז דאס קומט פונעם אייבערשטען אליינס, דער באשעפער רופט אויס בת פלוני לפלוני, און ער געבט דאס נישט איבער פאר קיין צווייטן, און כשפים קען דאס נישט מבטל זיין, איז א כח פון א בשר ודם קען אוודאי נישט מבטל זיין קיין שום שידוך. א שידוך וואס איז באשערט, שיקט דער אויבערשטער אונטער, מען דארף אים נישט געבן קיין עצות, כמה דרכים למקום ווי אזוי דער שידוך קומט אן. אבער חייש צו זיין אז א מענטש האט עפעס געטון, און אויף דעם פירט מען חשבונות אסאך מאל, ער האט יא געוואלט, ער האט נישט געוואלט. עס זענען נישט דא קיין חשבונות, **שידוכים איז א זאך וואס איז פונעם אייבערשטען. וואס עס דארף צו זיין וועט אנקומען, און וואס עס דארף נישט צו זיין, איז בעסער אז עס איז נישט געווארן.**

**וועגן** דעם זאגט מען שהשמחה במעונו ביי א יודישע שידוך, ווייל עס איז א שמחה אין די מעון פונעם אייבערשטען. דער אויבערשטער איז דאך דער וואס האט צוזאמעגעשטעלט דעם שידוך, און דער אייבערשטער איז דער וואס האט געפירט דעם שידוך, ער גיט עס נישט איבער פאר קיין צווייטן. און אז עס ענדיגט זיך דער שידוך, מען האט חתונה, דאנקט מען דעם אייבערשטען שהשמחה במעונו, עס איז דא א שמחה כביכול אינעם מעון פונעם אייבערשטען. ווען א מענטש להבדיל טוט א זאך, און ער האט דאס אויסגעפירט ביז צום סוף, איז דא א שמחה. דער אייבערשטער פירט שידוכים אלעס אליין, שהשמחה במעונו, עס איז א שמחה אינעם מעון פונעם אייבערשטען, ווען א זאך ווערט אויסגעפירט.

**ווי** אזוי שידוכים אליין גייען צו, ווייסט מען דאך, אז ביי היימישע יודען איז עס אנדערש אויסגעשטעלט פון ווי אזוי עס גייט צו ביי די אלגעמיינע וועלט, און אפילו ביי די יודישע וועלט. **ביי אונז האט מען געוואוסט, אז מען טרעפט זיך איינמאל, צוויי מאל, וואס מען דארף זיך צו טרעפן, אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה שמא תתגנה עליו** (קידושין מא.)**, מען דארף זיך באקענען. אבער אויסער דעם האט מען גארנישט געטון. מען האט זיך פארלאזט אויף טאטע און מאמע, וואס זיי האבן צוגעשטעלט דעם שידוך, און ב"ה אלע שידוכים האבן שיין מצליח געווען, על כל פנים נישט ווייניגער ווי די וואס האבן זיך אנדערש געפירט.**

**עס זענען דא מענטשן וואס נעמען דעם זיווג אליין אין די אייגענע הענט. ער וויל מברר זיין צו עס איז**

**'טאקע' צוגעפאסט איינער פארן צווייטן. ער דארף זיך טרעפן ווייס איך וויפיל מאל, ער וויל ארויסנעמען צו זי איז טאקע באמת צוגעפאסט פאר מיר, און צו איך בין צוגעפאסט פאר איר. צו האבן מיר איין נאטור, צו מיר פארשטייען זיך איינער מיט'ן צווייטן, און נאך דריי פיר מאל אז מען פארשטייט זיך נאך אלץ נישט, מען האט נאך נישט ארויסבאקומען פונקטליך וואס דער צד השני איז, ווארפט מען אזוי אוועק צענדליגע שידוכים. און מען מוז דאך אמאל א שידוך טון, נאכדעם נעמט מען שוין וואס עס קומט אין די הענט אריין, און דארט האט זיך עס געענדיגט.**

**ווען** א יוד גלייבט, אז א שידוך איז פונעם אייבערשטען, אוודאי דארף מען טוהן השתדלות, אהן השתדלות איז נישט דא קיין שום זאך אויף דער וועלט, מען פארלאזט זיך נישט אויף קיין נסים. אבער מען טוהט אזוי ווי מען האט אמאל געטון, מען האט געוואוסט אז דער אייבערשטער פירט א שידוך, יעדער שידוך איז מן השמים. וואס עס דארף זיין, וועט אנקומען. און אז עס איז אנגעקומען, מען האט אנגעטראגען א שידוך, מען האט זיך געטראפן איינמאל צוויי מאל, און מען זעהט אויסנווייניג אז עס זאל נישט זיין א זאך וואס עס געפעלט נישט, האט מען געשלאסן א שידוך, און מען איז געווען צופרידן, און מען האט ב"ה שיין אויסגעלעבט די יארן שפעטער. קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף (סוטה ב.), ווען ער מיינט אז זיווגו איז 'של אדם', ער שטעלט דאס צוזאם, אז דו שטעלסט צוזאם דעם שידוך, איז קשה זיווגו כקריעת ים סוף. ווען ער ווייסט אבער אז זיווגו איז נישט של אדם, עס איז א זיווג מה', דער אייבערשטער איז דאס מזווג, דער אייבערשטער פירט אינעם ריכטיגן וועג. ער טוט וואס ער דארף צו טון, דער שדכן טראגט אהן, און מען פרעגט זיך נאך אויף די געזונט און ערליכקייט, און די איבעריגע זאכן וואס מען דארף וויסן, ווען מען גייט צו צו א שידוך. און נאכדעם טרעפט מען זיך. צו עס איז צוגעפאסט ממש איינעם פאר צווייטן, צו נישט, וועט מען געוואר ווערן שפעטער, דאס דארף מען זיך פארלאזן אויפ'ן אייבערשטען, אז דער באשעפער וועט פירן צום ריכטיגן וועג.

**איך** וועל פארציילן א אמת'דיגע מעשה. עס איז געווען ביי מיר א יוד, און ער האט גערעדט צו מיר וועגן א שידוך. **זאגט ער מיר, אז ער טראכט צו פרעגן א גראפאלאג אויף דעם שידוך.** ער וועט נעמען פונעם בחור זיין שריפט, און פון די מיידל איר שריפט, און עס אריבערשיקן, און יענער זאל זאגן צו עס פאסט איינעם צום אנדערן, צו נישט. און ער פרעגט, וואס איך זאג דערצו. זאג איך איהם, פיין, ווילסט עס טון, מעגסט עס טון. אבער איך וואלט דיך מייעץ געווען קודם צו טון א אנדערע זאך. וואס? נעם א פאפיר, שרייב אויף אפאר שורות, און בעהט דיין ווייב זאל אויך שרייבן אויף א צווייטן פאפיר אפאר שורות, שיק אריין די צוויי צעטלעך צו א גראפאלאג, און ער זאל דיר זאגן, צו עס איז א פאסיגע שידוך צו נישט. נאך אפאר טאג, קומט ער צוריק, אז ער האט מיך געפאלגט, און עס איז צוריק געקומען די ענטפער, אז עס איז כרחוק מזרח ממערב, נישט צורירן צו דעם שידוך. פרעג איך אים, ביסטו צופרידן פון דיין בני בית? זאגט ער, יא. איך בין צופרידן, און זי איז אויך צופרידן. מה' אשה לאיש, עס קומט פונעם אייבערשטען. ווען א יוד גלייבט אין דעם, און ער לעבט מיט דעם, אז אלעס איז פונעם רבונו של עולם, און כל שכן שידוכים, גייט ער צו, צו יעדע זאך מיט א גרינג הארץ. ער ערגערט זיך נישט אויף א זאך וואס ווערט נישט, און ער איז מתפלל, מתפלל זיין דארף מען אייביג, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, דער באשעפער זאל צושיקן, עס זאל גרינג אנקומען, און שנעל אנקומען.

**יעדער** ווייסט ביי שידוכים, ווען מען הייבט אהן צו טון א שידוך, איז זיך יעדער מצייר, דריי פיר שידוכים וואס מען טראכט, אז דאס וואלט געווען זייער פאסיג. פון די דריי פיר וואס ער איז זיך מצייר, פון דעם ווערט קיין איינס נישט! **קיינער האט נאכנישט געטון דעם שידוך וואס ער האט זיך פארגעשטעלט אין אנהייב, אז דעם שידוך גייט ער טון. מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען.** מען טראגט אהן, און וואס עס קומט אונטער די הענט, און עס איז פאסיג, טוט מען דעם שידוך. עס איז שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם. דער שידוך איז אנגעשריבן ביי יעדן איינעם שוין אין גן עדן מקדם, דער אייבערשטער אויבן אין גן עדן, האט צוגעשריבן פאר יעדן איינעם מקדם, וואס זיין שידוך איז. און ווען ער גייט צו דערצו, אז דער רבונו של עולם האט מיר צוגעשיקט דעם שידוך, און דאס איז עס. און אז איך זעה אז עס איז

געווארן, איז א סימן אז דאס איז מן השמים, און פון יעצט און ווייטער דארף מען נאר ארבעטן אז מען זאל זיך אויסקומען איינער מיטן אנדערן. עס איז נישט די זעלבע נאטורן, עס איז נישט די זעלבע דיעות איינעם מיטן אנדערן, אבער איך דארף מאכן אז עס זאל ארבעטן. איך דארף זיין דער וואס טוט עס צוזאמשטעלן, דעמאלטס איז דא אינעם שטוב א שמחה'דיגע לעבן. שמח תשמח רעים האהובים, דער באשעפער זאל משמח זיין די רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט זיך משמח געווען בגן עדן מקדם, ווען ער האט צוזאם געשטעלט דעם שידוך איז געווען א שמחה במעונו, און ווען עס איז אויסגעפירט געווארן דער שידוך, זאגט מען אז עס איז אויסגעפירט געווארן דער שידוך וואס דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט. שמח תשמח רעים האהובים, אזוי זאל דער אויבערשטער משמח זיין רעים האהובים.

**ב"ה** מיין אייניקל, דער חשובער חתן, מען האט אים אויך אנגעטראגן אסאך שידוכים מארבע כנפות הארץ, און נאכדעם איז מען געוואר געווארן, אז דער שידוך איז אין שכנות, ביי מיין ברודער אין שטוב. ב"הביידע זאלן זיין גליקליך, עס זאל זיין שמח תשמח רעים האהובים, וויל איך ווינטשן קודם פאר חתן כלה, דער אייבערשטער זאל זיי געבן, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. און מיין חשובן ברידער זאל זיין געזונט, אחי וראש, זאל אים דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן. ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, אזוי ווי עס איז משאלות לבו. און קענען שטענדיג זיצן צוזאמען אויף שמחות איינער מיטן צווייטן.

**מיין** חשובער מחותן דער וויזניצער רבי'ן זאל זיין געזונט, דער אייבערשטער זאל געבן אריכות ימים ושנים, ווייטער קענען פירן די שיינע עדה. איך וויל ארויסברענגען פארן מחותן, ביי די חתונה האב איך צוגעקוקט די געוואלדיגע אהבה וואס איז דא צווישן די חסידים און דעם רבי'ן. איך האב עס כמעט נאכנישט בייגעוואוינט ערגעץ אנדערש! די נאנטקייט, וואס עס איז מן הסתם כמים פנים אל פנים, וואס מען טוט פאר די חסידים. מען דערקענט די געוואלדיגע שמחה וואס זיי האבן געהאט זיך משתתף צו זיין אינאיינעם. דער באשעפער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך אינאיינעם.

**איך** וויל באדאנקען פאר די עסקנים, עס איז דא אסאך, אבער איך וויל באדאנקען די ראשי עסקנים וואס האבן צוגעשטעלט די חתונה און די שבע ברכות, וואס אייביג ווען עס איז א זמן פון א שמחה ביי אונז אין שטוב, זענען זיי די וואס זענען עומדים בראש, זיי טוען צושטעלן אלעס וואס מען דארף האבן, בממונם ובגופם, אלעס זאל זיין מסודר. ר' יצחק אלעזר ווערצבערגער זאל זיין געזונט, ר' אברהם ברוך בערקאוויטש וואס ער טוט אויך אסאך פאר די קהלה, ר' הערשל פישמאן, ר' וואלף שפירער, און אלע וואס זענען נטפל לאותו מצוה וואס מען האט שוין גערעדט פאריגע וואך. דער אייבערשטער זאל ענק בענטשן מיט אסאך שמחות און נחת ביי ענקערע קינדער און אייניקלעך. די שמחה זאל משפיע זיין פאר יעדן איינעם וואס מען דארף צו האבן, בני, חיי, ומזוני רויחי, און נחת ביי די קינדער, מיט געזונט און אלעס וואס עס קומט דערצו. דער אייבערשטער זאל געבן, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, מען זאל אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת וישב***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הבחור **משה צבי דייטש** ע"ה הי"ד.

בשעות אחר הצהרים התקיימה סעודת שבע ברכות מיוחדת לתלמידי ישיבתינו הק', שנערך ברוב פאר בהיכל בית מדרשנו, כאשר בחורי הישיבות יושבים שורות שורות על איצטבאות מיוחדים סביבות ההיכל, כשבראש המסובין יושב בהדרו, רועה הנאמן, מאורם ומדריכם **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, ולידו רמ"י הישיבה רבנן ותלמידהון.

במשך סעודת השבע ברכות נשמעו דברים על ידי המחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבה גדולה), **הרה"ג רבי אלימלך שפיצער שליט"א** (מנהל ישיבה גדולה), **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה), הבחור **יחיאל הערשקאוויטש** נ"ו (מחשובי

תלמידי הישיבה גדולה). – בסעודת השבע ברכות השתתף **כ"ק האדמו"ר מקאסוב שליט"א.**

בקשב רב נשמעו דברי תורה והדרכה על ידי הסב **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, אשר בתוך דבריו ביטא בהתפעלות הרושם הכביר שנתרשם מאת בחורי ישיבותינו, אשר בתוך הנהגתם ניכר עליהם חותמו של כהן גדול **רבינו שליט"א**, שמשפיע עליהם תורה ויראת שמים וחסידות ומדות טובות במדה גדושה. וסיים בברכה לראש משביר, שיזכה לנהל עדת קדשו מתוך בריות גופא ונהורא מעליא לאורך ימים ושנים טובים.

אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** בקול רגש דברות קודש מיוחדים בשבח ובהודיה להשי"ת על כל הטוב והחסד אשר גמל אתו מנעוריו עד עת יום שמחתו בנישואי הנכדים בשעטומ"צ. – בסיום דברות הקודש נשמעו דברי בדחנות, והמשיכו בריקודין למשך זמן רב בעת נעילת שערי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט חשובע דיבורים פונעם מחותן דער וויזשניצער רבי זאל זיין געזונט, פתח לנו שער בעת נעילת שער, מען ענדיגט די שבעת ימי המשתה, עס איז א זמן פון נעילת שער, בעהט מען פתח לנו שער, דער באשעפער זאל אונז עפענען די שערים. יעדן מוצאי יום הקדוש נאך נעילה ווען מען האט געענדיגט דעם טאג, ויום טוב היה עושה לכהן בצאתו מן הקודש, עס איז געווען אן עקסטערע שמחה פאר זיך, אז מען איז אדורכגעגאנגען דעם קודש, מען האט געטון די עבודה אין דעם הייליגן טאג ווי עס דארף צו זיין. — עס איז א זמן סיום פון שבע ברכות, עס איז א זמן וואס מען דארף דאנקן דעם רבונו של עולם אויפן גוטס וואס ער גיט פארן מענטש.

**דוד** המלך זאגט (תהלים קט-ל) אודה ה', איך דאנק דעם אייבערשטען, מאד, זייער אסאך, בפי, מיט מיין מויל, ובתוך רבים אהללנו, און איך טו אים דאנקען בתוך רבים. אונז ווייס מיר וואס עס שטייט אין חז"ל (ברכות נד.) אז א יוד דארף אלעס מקבל זיין בשמחה, עס איז נישט קיין חילוק אין וואס פארא מצב ער איז, ווי שווער ער זאל אדורכגיין, איז ער מחויב מקבל צו זיין מיט אזא שמחה, אזוי ווי דער אייבערשטער וואלט געטון מיט אים גוטס. חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, ונפקא מינה לקבלינהו בשמחה, א יוד דארף שטענדיג דאנקן דעם אייבערשטען, ווייל אונז ווייס מיר נישט דעם אמת וואס גוטס איז, נאר דער רבונו של עולם ווייסט. און וואס ער גיט פארן מענטש, דארף מען אייביג וויסן, אז עס איז גוט.

**חז"ל** דרשענען עס פון פסוק, ווייל עס שטייט (דברים ו-ה) ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, וואס איז טייטש בכל מאדך? מאדך האט אין זיך צוויי טייטשן. מאדך איז א לשון פון הודאה, און א לשון פון מדה, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו. אין וואס פארא מאס דער אייבערשטער פירט זיך מיט דיר, דארפסטו דאנקן דעם אייבערשטען. און אז מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען אין אלע סארט מצבים, איז דאך כל שכן ווען עס איז ביי א יוד א זמן פון שמחה, דער אייבערשטער גיט דיר חסד וואס איז אפען, אוודאי איז נישט דא גענוג ווערטער צו דאנקען דעם רבונו של עולם. אז עס איז 'אודה ה' מאד', אז מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען מאד, בכל מאדך, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו מאד, איז דאך א כל שכן ווען עס איז א זמן פון שמחה, אז 'ובתוך רבים אהללנו', דארף מען דאנקן דעם אייבערשטען בתוך רבים.

**נאר** אפילו ח"ו ווען עס איז דא א זמן וואס א מענטש גייט אדורך א שווערע צייט אינעם לעבן, און ער דארף זיך מחזק זיין. ווי אזוי קען ער זיך מחזק זיין, עס איז דאך א שווערער זמן? דעסטוועגן דאך ווען מען קוקט אסאך מאל צו, וואס מענטשן ליידן אויף דער וועלט, וואס פארא שווערע מצבים מען גייט אדורך. יעדער מענטש אין וואס פארא מצב ער איז, וועט נאך אלץ זעהן, אז דער אייבערשטער האט אים נאך איבערגעלאזט אסאך חסד, מיט דעם וואס ער זעהט נישט אויס אזוי ווי אנדערע זעהן אויס. א מענטש פילט זיך נישט גוט, אבער ער איז נאך אין שטוב, ער איז אינדערהיים, ער קען נאך ארויסגיין אין בית המדרש, דארף ער זיך מתבונן זיין, וויפיל מענטשען זענען אין שפיטאל און זיי קענען זיך נישט רירן, וויפיל מענטשן זענען נישט ביים דעת וכדומה, וואס עס איז אלץ דא אויף דער וועלט. עס פעלט אים פרנסה, וויפיל מענטשן האבן אסאך ווייניגער פרנסה פון דיר. און אזוי קען מען אין יעדע זאך טרעפן דעם

חסד ה'. - אפילו ווען דער אייבערשטער האט אים יא עפעס געטון א זאך וואס עס איז נישט כרצונו, דער אייבערשטער ווייסט אז עס איז גוט, האט ער אים נאך אלץ איבערגעלאזט א פלאץ וואס עס וואלט געקענט זיין אסאך ערגער, און אויף דעם דארף מען אויך דאנקען דעם אייבערשטען.

**זאגט** דוד המלך, 'אודה ה' מאד בפי', איך דאנק דעם אייבערשטען מאד, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך, הוי מודה לו מאד. ועסטו פרעגן, ווי אזוי קען מען דאנקן דעם אייבערשטען, אין א זמן וואס עס איז נישט אזוי רצוי פארן מענטש? ווען מען קוקט זיך אום 'בתוך רבים', וואס עס טוט זיך ברבים, וואס פארא צרות עס איז דא אין כלל ישראל, וואס פארא פראבלעמען מענטשן גייען אדורך, 'אהללנו', איז דא פאר יעדן איינעם צו לויבן און דאנקן דעם אייבערשטען.

*

**דאס** איז איין פסוק וואס דוד המלך זאגט, אודה ה' מאד 'בפי'. ער זאגט א צווייטן פסוק אויך (תהלים קיא-א), אודה ה' בכל 'לבב' בסוד ישרים ועדה. אויסער דעם וואס עס איז אודה ה' מאד בפי, איך דאנק דעם אייבערשטען מיטן מויל, אודה ה' בכל לבב, דאנק איך דעם אייבערשטען מיט מיין גאנצן הארץ. בכל לבבך, בשני יצריך, ביידע לבבות דאנקן דעם אייבערשטען, בסוד ישרים ועדה. מען האט שוין פריער געהערט, וואס א מענטש קען נישט מיטן מויל ארויסגעבן אלע זיינע געפילען וואס ער האט, א מענטש איז באגרעניצט, וויפיל מען קען רעדן, וויפיל מען קען ארויסגעבן, וויפיל מען קען געבן פארשטיין פאר א צווייטן, און וויפיל ער וויל אז אנדערע זאלן וויסן פון דעם חסד, וויפיל איז באהאלטן אין יעדע זאך וואס מען זאגט נישט ארויס. עס איז אודה ה' מאד 'בפי', איך דאנק דעם אייבערשטען מיט וואס איך קען יא ארויסגעבן מיטן מויל, און עס איז אודה ה' בכל 'לבב', עס איז דא אן הודאה וואס מען גיט נישט ארויס מיט ווערטער, עס איז בכל לבב, מען באהאלט עס אינעם הארץ, וואס דארט דאנקט ער דעם אייבערשטען.

**ווען** דער אייבערשטער טוט א חסד מיט א מענטש, און ער דאנקט דעם באשעפער, בדרך כלל דאנקט מען נאר אויף די געוויסע נקודה וואס ער האט יעצט. שמחת חתן כלה, דער אייבערשטער האט געהאלפן מען האט א שידוך געטון, מען האט חתונה געהאט, עס איז געווען שבע ברכות, מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען, ברוך ה'! דער אייבערשטער האט געהאלפן ער האט געטראפן א גוטע שטוב ווי ער איז אריינגעקומען, א גוטן זיווג, א שיינע שמחה, וכדומה, מען רעדט אויף די נקודה אליין וואס עס איז נוגע יעצט. ווען איינער איז נישט געווען געזונט, דארף ער דאנקן דעם אייבערשטען, ארבעה צריכים להודות (ברכות נד:), איך האב מיך נישט גוט געשפירט, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, מען ברענגט ארויס די נקודה אין די זאך וואס עס איז אים נוגע יעצט.

**דוד** המלך בשעת ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען, האט ער נישט נאר געדאנקט אויף די זאך וואס איז נוגע פאר יעצט, ער האט אנגעהויבן צו מאכן א חשבון אויף זיין גאנץ לעבן וואס ער איז אדורכגעגאנגען ביז ער איז אנגעקומען צו די שמחה. אויף יעדן פרט ופרט וואס א מענטש גייט אלץ אדורך בחייו, ביז ער קומט צו די שמחה, וויפיל הודאה דארף מען אויף דעם דאנקן דעם באשעפער. וויפיל דארף מען דאנקן אז דער באשעפער האט געגעבן אז מען זאל קענען אנקומען צו דעם און דעם זמן. ווען א מענטש הייבט אן צו באטראכטן זיין לעבן, פון ווען ער איז געבוירען געווארן, וויפיל חסד ה' עס איז דא ביז מען זעהט זיך מיט א ווייסע בארד ביי א שמחה פון א קינד און א איניקל, האט ער דאך נישט גענוג ווערטער ער זאל עס קענען ארויסברענגען, עס איז נישט שייך דעם אודה ה' מאד בפי, מען זאל עס ארויסזאגן מיטן מויל, עס איז אודה ה' בכל לבב, עס איז מיטן גאנצן הארץ, דער לב פונעם מענטש איז אנגעפולט מיט הודאה פארן רבונו של עולם.

**מען** זיצט ביי א שמחה ב"ה, מיין חשובער זון מאכט חתונה דאס ערשטע קינד, מען מאכט א חשבון, איך רעד דא פון מיר אליין, וואס איך בין אדורכגעגאנגען אין מיין לעבן ביז איך בין אנגעקומען ביז אהער, וויפיל הודאה עס איז דא צו דאנקן פארן באשעפער, און אפשר וועלן אנדערע האבן חיזוק אויך דערפון.

**מיין** מאמע ע"ה [וואס די קומענדיגע וואך איז איר יארצייט], האט מיר געזאגט, אז פאר איך בין

געבוירען געווארן, האבן די דאקטורים געזאגט, אז איך בין נישט קיין בר קיימא, איך וועל געבוירען ווערן אלץ נישט קיין געזונט קינד ל"ע, און מען האט מייעץ געווען וואס מען זאל טון. און מיין מאמע ע"ה האט מיר געזאגט, איך האב נישט געפאלגט, און איך האב דיר געבערענגט אויף די וועלט. זי פלעגט אייביג צו זאגן, ווען מען וואלט געפאלגט דעם דאקטער, וואלסטו נישט דא געווען!

**און** אז מען קומט אויף דער וועלט, איז דאך א געוואלדיגע חילוק אין וועלכע שטוב מען ווערט געבוירען. אמאל ווייסט מען דאס נישט צו שעצן, ווילאנג מען איז קליין ווייסט מען נישט פון וואס מען רעדט, אבער ווען מען ווערט עלטער, און מען הייבט אן געוואר צו ווערן וואס די וועלט איז, וויפיל סארט שטובער עס איז דא, **וויפיל שבח והודאה דארף א יוד אפגעבן ווען מען איז געבוירען געווארן צו נארמאלע עלטערן, צו א פרייליכע שטוב, א לעכטיגע שטוב, טאטע מאמע האבן שלום בית, מען פארטראגט זיך איינער מיטן אנדערן, די שטוב איז א אויפגעראכטענע שטוב אין גשמיות'דיגן חלק. און כל שכן ווען עס איז אין רוחניות, די שטוב איז א ערליכע שטוב, א איידעלע שטוב. עס פאלט אפילו נישט איין צו דאנקן פארן רבונו של עולם, אין וואס פארא שטוב בין איך געבוירען געווארן.**

**דער** אייבערשטער העלפט נאכדעם, מען הייבט אן צו וואקסן, יעדע יונגעלע הייבט אן צו וואקסן, און עס קומען אונטער זיינע פראבלעמען און זיינע ענינים, ביז ער וואקסט עס אויס. ער הייבט אן נאכדעם אין ישיבה, וואס יעדער ווייסט וואס א ישיבה איז, מען האט פארשידענע זמנים אין ישיבה, פארשידענע מצבים אין די ישיבה. **איך בין אויך געווען א בחור אין ישיבה, און עס איז געווען איין יאר וואס איך האב גארנישט געקענט לערנען, איך האב נישט מצליח געווען,** [איך זאג עס מען זאל וויסן], און איך בין געווען זייער צעבראכן, ממש איך האב געקענט וויינען טאג נאך טאג. אזוי ווייט אז איך האב גערארפט טוישן די ישיבה, און איך בין געגאנגען אין א צווייטע ישיבה לערנען. עס האט מיר גענומען אסאך צייט ביז איך האב זיך אנגעהויבן צוריק צו דערמאנען וואס די גמרא איז, און רש"י און תוספות, און ביז איך האב געטראפן א געהעריגע חברותא. און דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, די צייט איז אדורכגעגאנגען, און איך האב מצליח געווען.

**ווען** עס איז געקומען די צייט אז מען דארף טון א שידוך, האט מיר דער אייבערשטער צוגעשיקט אן עזר כנגדו, אז איך זאל קענען ווייטער זיצן און לערנען. אין די שפעטערדיגע צייטן, איך מיין איך האב קיינמאל נישט באקומען קיין כולל געלט, און פון מיין טאטענס שטוב האב איך אויך נישט געקענט אויסקומען איך זאל קענען לעבן, איז געווען א יוד וואס האט מיר אסאך יארן אריינגעשיקט א טשעק יעדן חודש, און איך דאנק תמיד פאר דעם יוד וואס האט מיר ארויסגעהאלפן, אז איך האב געקענט זיצן און לערנען, ביז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב אנגעהויבן מרביץ תורה צו זיין, ביז איך געפין זיך היינט דא צוזאמען מיט ענק..!

**ווען** מיר דאנקן דעם אייבערשטען, איז עס נישט נאר אויף די חתונה וואס מען האלט יעצט, נאר אויך וויפיל חסד דער אייבערשטער האט געטון ביז מען איז אנגעקומען צו דעם. אז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, אז איך האב געהאט קינדער! איך האב די ערשטע דריי יאר נאך די חתונה נישט געהאט קיין קינד, מיין ערשטע קינד איז געבוירען געווארן צו דריי יאר נאך די חתונה. נאכדעם האב איך ניין יאר נישט געהאט קיין קינדער, ביז עס איז געבוירען געווארן מיין זון רבי יואל משה מרדכי. וויפיל תפלות עס איז אדורכגעגאנגען אין די צייטן, און וויפיל מען האט זיך געפלאגט אין די צייט, און ווי האלט מען יעצט. מען מאכט א חשבון אויך אויף די אייניקלעך, עס זענען געבוירען ווייטער קינדער ביי רבי משה מרדכי, און מען האט מיטגעהאלטן מיט אים אלעס. די יארן וואס דער חתן איז אדורך, אלץ יונגל, און אלץ בחור, ביז מען איז צוגעקומען צו א שידוך. און דער אייבערשטער האט צוגעשיקט אזא שיינעם שידוך, אין די משפחה, עס איז נישט דא גענוג ווערטער אז מען זאל דאס קענען ארויסברענגען מיטן מויל.

**אודה** ה' בכל לבב, דער רבונו של עולם ווייסט וואס עס טוט זיך אינעם הארץ פון א מענטש. איך געב אפ א שבח והודאה, ובתוך רבים אהללנו, איך דאנק דעם אייבערשטען, על כל החסד אשר עשית

עמדי, און מען בעט אויפן חסד אשר אתה עתיד לעשות עמי. א יוד דארף שטענדיג דאנקן און בעטן, דאנקן אויף וואס עס איז געווען, און בעטן אויף דעם וואס עס איז דא ווייטער. אז דער באשעפער האט געהאלפן אז איך האלט יעצט ביי א שמחה פון אזא חשובען אייניקל, זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל קענען ווייטער אויפשטעלן א ערליכע בית נאמן בישראל.

**עס** איז אודה ה' בכל לבב, איך דאנק דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, 'בסוד' ישרים ועדה, עס איז א סוד פאר די ישרים ועדה וואס עס טוט זיך אינעם הארץ. מען קען רעדן און דאנקן דעם אייבערשטען בכל לבב, און עס בלייבט נאך אלץ א סוד, ווייל נישט אלעס קען מען פארציילן, וואס א מענטש גייט אדורך אינעם לעבן, ביז ער קומט אהער צו. נישט אלעס וויל מען דערציילן, נישט אלעס קען מען דערציילן, עס איז בסוד ישרים ועדה, עס בלייבט נאך א סוד אינעם הארץ, ווען ער שטעלט זיך אקעגען ישרים ועדה. אזוי איז אויך ביי מיר, ווען איך האלט אין יעצטיגן מצב, אז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, איך זעה ב"ה ווי די דורות ציען זיך ווייטער, דאנק איך דעם רבוש"ע אויפן גוטס וואס ער האט מיר געטון, ווי א יוד דארף שטענדיג דאנקן דעם אייבערשטען.

**מען** זיצט ביי א שבע ברכות מיט די בני ישיבה צוזאמען, זה חלקי מכל עמלי, זיך אוועקצוגעבן נאר פאר די תלמידים, צו זיצען און לערנען מיט בחורים, ווען איך האב די מעגליכקייט צו לערנען מיט אנדערע. די שעה וואס איך קום אין ישיבה, איז מיין חשוב'סטע שעה אין טאג. די שעה וואס מען לערנט תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו, עס איז נישט דא קיין שענערס, און עס איז נישט דא קיין בעסערס.

**יעדער בחור האט די מעגליכקייט אויסצוואקסן א גדול בישראל! אז איך האב געקענט אנקומען וואו איך בין צוגעקומען, קען אן אנדערער אויך אויסוואקסן. איך האב שוין אסאך מאל געזאגט, איך האב נישט געהייסן א בחור א מצוין אין די כתה, איך האב געלערנט ווי א נארמאלער בחור, איך האב געהייסן א גוטער בחור, אבער נישט קיין מצוין. דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן איך בין צוגעקומען ביז אהער. עס איז א מוסר השכל פאר ענק אלע, אז יעדער פון ענק קען צוקומען דערצו. נעמען אויף זיך עול תורה, פלייסיג צו לערנען, עס איז נאך דא א לאנגער זמן וואס מען דארף נאך עוסק זיין אין תורה. חנוכה איז ימי אורה של תורה, נישט מבטל זיין די צייט, אויסנוצן די צייט צו שטייגן און לערנען.**

**איך** וויל באדאנקען די חשובע בחורים וואס האבן אזוי שיין אטיילגענומען אין די שמחה, און יעדער פון ענק האט א געוואלדיגן חלק אין די שמחה. איך קען מיך נישט פארשטעלן ווי אזוי עס וואלט אויסגעקוקט די שמחה ווען די בחורים זענען נישט דארטן, עס וואלט געפעלט נישט א 'שטיקל' פון די שמחה, נאר 'א שטיק' שמחה. יעדער בחור האט צוגעגעבן דערצו, מען האט פריער געהערט ווי שיין און איידל די בחורים האבן זיך אויפגעפירט, עס איז באמת געווען א תענוג. און נישט נאר א פראכט פאר מיר, נאר א פראכט פאר ענק אליין, תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם. וויל איך ענק וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל ווייטער געבן, עטץ זאלטס קענען שטייגן אין תורה און יראת שמים, אויסצואוואקסן תלמידי חכמים און יראי אלקים.

**פאר** דעם חשובן מחותן דער וויזשניצער רבי וויל איך וואונטשן, דער אייבערשטער זאל אים געבן לאנגע געזונטע יארן, אריכות ימים ושנים, איך בעהט אז די ווערטער וואס ער האט גערעדט, זאלן אריינגיין אינעווייניג אינעם הארץ, עס איז געווען דברים היוצאים מן הלב וואס איז נכנסים אל הלב. דער באשעפער זאל אים געבן ווייטער אויך, ער זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת. דער מחותן האט פריער ארויסגעברענגט די ידידות וואס עס איז דא צווישן אונז, דאס איז כמים הפנים לפנים, עס קען דאך נישט זיין קיין אהבה פון איינעם צום צווייטן, ווען עס איז נישט דא אויך צוריק די אהבה. איך דארף נישט צו זאגן, אוהבים נאמנים זה לזה. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער נחת מיט שמחות ביי אלע קינדער.

**דער** חשובער מחותן, מיין ברודערס א זון, דער אייבערשטער זאל אים געבן, ער זאל קענען זעהן אסאך נחת. איך וויל אנוואונטשן פאר מיין חשוב'ן ברודער זאל זיין געזונט, כאטש ער געפינט זיך נישט דא, אבער אין הימל הערט מען דאך די ברכות וואס

מען גיט, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו, ער זאל קענען ווייטער דינען דעם אייבערשטען כאוות לבבו. יעדער ווייסט דאך אז ער איז א שטיק תורה, א שטיק עבודת ה', עס איז נישט דא ביי אים עפעס אנדערש אויף די וועלט נאר תורה הק'. ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין אין עבודת ה' מיט לאנגע געזונטע יארן. - איך וויל ווינטשן פאר חתן וכלה, דער אייבערשטער זאל זיי געבן, זיי זאלן קענען אויפשטעלן דורות ישרים ומבורכים, די גאלדענע קייט זאל זיך ווייטער ציען אויף שפעטער.

**איך** וויל נאך מזכיר זיין איין נאמען, רבי שמואל דוד פישער זאל זיין געזונט, וואס ער האט צוגעשטעלט אלעס פאר די ישיבה. נישט נאר יעצט ביי די שמחה, נאר אלעס וואס איז נוגע פאר די ישיבה, שטעלט ער זיך אהער מיטן שענסטן און מיטן גרעסטן פארנעם. עס איז נישט דא אמאל א זאך וואס רבי שמואל דוד זאל זאגן, ניין, מען קען עס נישט טון. איז זאג עס ברבים, עס איז דא אסאך עסקנים וואס העלפן, די מוסדות ווערן אנגעפירט דורך מנהלים מיט עסקנים, אבער ער איז דער מופלג שבכולם. איך האב קיינמאל נישט געהאט, איך זאל זאגן א זאך, און ער זאל זאגן אנדערש, און זיך דינגען דערויף. וואס מען האט געזאגט, תיכף געטון אויפן ווארט. צו עס איז געוועון געלט זאכן, צו אנדערע שוועריקייטן, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס ער האט זיך אפגעזאגט אז דאס קען מען נישט טון, עס איז מער ווי זיין עול. און ער נעמט אויף זיך אזוי סאך, די תלמוד תורה, די מיידל סקול, די ישיבה קטנה, און די ישיבה גדולה, מיט אלע דריי קעמפעס, און מען בויט יעצט א פרישע בנין פאר די ישיבה גדולה. זאל אים דער אייבערשטער געבן, ער זאל זעהן אסאך תענוג ונחת ביי זיינע קינדער, מען זאל זיך קענען שטענדיג מיטפרייען איינער מיטן אנדערן. דער עיקר וואס מען דארף מתפלל זיין, שוש תשיש ותגל העקרה, בקיבוץ בניה לתוכה בשמחה, מען איז נאך אלץ אין גלות, אונז ווארט מיר אויף די ריכטיגע ישועה, אויף די ריכטיגע שמחה, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **משה** נ"ו בן הר"ר **אברהם יוסף אקערמאן** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **נחמי' פערלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יהודא אריה ווייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה אהרן קריצלער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בת הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מענדל בוכינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **חיים אלטמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **וואלף ענגלענדער** הי"ו, שהתקיים שם באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **דוד משה סאלאמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד פעלבערבוים** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אדלער** הי"ו, שהתקיים בבית הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **דוד משה סאלאמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

יום חמישי פרשת וישב

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבוע באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנס **הגה"צ רבי אשר אנשיל שעהר שליט"א** אב"ד קלעסאן לרגל נישואי בנו למז"ט ובשטומ"צ.

כמו כן נכנסו חברי המכון להוצאת ספרי **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** והגישו את ספרו **לב אהרן** על חנוכה. **רבינו שליט"א** שיבח את עבודתם בעריכת הספר ותוכנם, והאציל עליהם מברכותיו להצלחה בכל מעשה ידיהם, להגדיל תורה ולהאדירה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

ערב שבת קודש פרשת וישב

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **משה יונתן גרינצווייג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

וזה תוכן הדברי תורה:

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז די שבטים האבן פארקויפט יוסף, און שפעטער ווען זיי זענען אנגעקומען קיין מצרים, און זיי האבן געזעהן די פראבלעמען וואס זיי האבן געהאט מיטן משנה למלך, האבן זיי מתוודה געווען אויף וואס זיי האבן געטון. אבל אשמים אנחנו על אחינו, מיר זענען שולדיג אויף אונזער ברודער, וגם דמו הנה נדרש (מב-כא), און זיין בלוט ווערט אויך געפארשט פון אונז. רש"י זאגט, אז 'וגם' גייט ארויף אויף דמו של אותו זקן. נישט נאר יוסף'ס דם, נאר אויך יעקב'ס.

**עס** קען אפשר זיין, מען געפונט שפעטער ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, האט מען געברענגט קרבנות, און איינע פון די קרבנות איז געווען א שעיר עזים. אין מדרש (במדב"ר יג-יד) שטייט, אז די שעיר עזים האט מען געברענגט, מכפר צו זיין אויף דעם חטא פון מכירת יוסף. ביי מכירת יוסף האט מען גענומען די כתונת, און מען האט עס איינגעטונקן אין דם עזים, און דאס האט מען געשיקט פאר יעקב. און פאר מען שטעלט אויף א משכן, דארף מען האבן א כפרה אויפן חטא פון מכירת יוסף, האט מען מקריב געווען א שעיר עזים.

**און** עס איז א גרויסער פלא. אז מען דארף האבן א כפרה אויף מכירת יוסף, און מען וויל מאכען א זכר דערויף, פארוואס האט מען אויסגעקליבן א זייטיגע זאך, אז מען האט גענומען די כתונת, און מען האט עס איינגעטינקען אין דם, און דאס האט מען געוויזען פאר יעקב. דאס איז נאר געווען א חלק ווי אזוי מען זאל אויסשפילען יעקב, אבער מיטן עצם חטא האט עס גארנישט צוטון. ווען מען דארף האבן א כפרה, דארף מען האבן א זאך וואס טוט סימבאליזירן דעם עצם חטא אליין. פארוואס האט מען געברענגט א שעיר עזים.

**עס** איז דא א ווארט די וואך פונעם **רבי פון קאצק,** אז יהודה האט געזאגט, מה בצע כי נהרוג את אחינו וכסינו את דמו, וואס וועלן מיר אויפטון אז מיר וועלן הרגענען אונזער ברודער, און מיר וועלן דארפען פארדעקן זיין דם. האט ער געזאגט, אז לעולם האבן זיי אים דן געווען על פי דין. מען רעדט פון שבטי י-ה, וואס וואס זיי האבן געטון איז געווען אויסגעהאלטן. האט דער רבי פון קאצק געזאגט, אפילו ווען פאר א מענטש דאכט זיך, אז ער טוט א זאך וואס איז אויסגעהאלטן על פי דין, אבער אויב ער דארף עס שפעטער באהאלטן, איז א סימן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג. ווייל אויב עס איז ריכטיג, קומט ארויס אפען מיט די פארב וואס עס איז. אויב עס איז וכסינו את דמו, אויב אונז דארף מיר שפעטער מכסה זיין וואס מיר האבן געטון, איז א סימן אז עפעס איז נישט ווי עס דארף צו זיין. - ווען א מענטש איז א קנאי וכדומה, און ער שרייבט א פאשקעוויל, פארוואס דארפסטו שרייבן א פאשקעוויל, זאג ארויס וואס דו האסט צו זאגן. אויב דו מוזט עס באהאלטן, איז א סימן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג. דאס עצם זאך אליין אז א מענטש איז מכסה א זאך, דאס ווייזט שוין אז עפעס איז נישט הונדערט פראצענט גלאטיג אין וואס דו טוסט.

**יעקב** אבינו איז נאך געווען אזא ערליכער יוד ווי די שבטי י-ה, און אז די שבטי י-ה האבן דן געווען אז על פי תורה קומט אים צו הרג'ענען, קען מען זאגען אפענערהייט פאר יעקב אבינו, די תורה האט געהייסען, אז עס קומט אים אז מען זאל אים הרג'ענען. פארוואס דארף מען עס באהאלטען פון יעקב. יעקב וויל אויך נאר טון וואס איז אויסגעהאלטען על פי תורה. אויב די שבטי י-ה האבן געהאלטן אז על פי תורה קומט זיך עס, און נאכדעם גייט מען זוכן וועגן ווי אזוי מען זאל עס מכסה זיין פון יעקב אבינו, איז א סימן אז מען טאר אים נישט הרג'ענען. מה בצע כי נהרוג את אחינו, וכסינו את דמו, אז אונז דארף מיר נאכדעם מכסה זיין את דמו.

**קומט** אויס אז בעצם אויף מכירת יוסף אליין, וואלט מען זיך געקענט דינגען אז מען דארף נישט האבן אויף דעם א כפרה, ווייל זיי האבן אים דן געווען על פי תורה, זיי האבן נאר געהאט א טעות. און ווען א מענטש טוט על פי תורה, קומט אים נישט אז ער זאל דארפן האבן דערויף א כפרה. אבער אז עטץ האטס געדארפט ברענגען נאכדעם א שעיר עזים, און טובל זיין דעם כתונת בדם, דאס צו ווייזען פאר יעקב, איז דאס מגלה אז עפעס איז נישט אין ארדענונג. דאס וכסינו את דמו, דאס ברענגט ארויס דעם עצם חטא.

**אז** מען זאגט אבל אשמים אנחנו, מיר זענען אשמים אויף וואס מיר האבן געטון, פארוואס זענען מיר אשמים, מיר האבן דאך געטון וואס מען האט געדארפט טון על פי תורה, אבער וגם דמו הנה נדרש, וואס האבן מיר געטון נאכדעם מיט דעם דם. נאכדעם זענען מיר געגאנגען, און אונז האב מיר טובל געווען דעם כתונת אין דם, און געשיקט פאר יעקב אבינו, פון דעם וואלטן מיר זיך געדארפט אפשטעלן, און וויסען אז עס איז נישט אין ארדענונג וואס אונז טו מיר, אז אונז האב מיר פארקויפט יוסף.

**לענינינו** קען זיין, וגם דמו הנה נדרש, מען מל'ט א קינד, וואס דאס איז די כריתת ברית פון א יודיש קינד מיטן אייבערשטען, כדי מען זאל קענען האבן שפעטער כח אין די אלע נסיונות וואס א מענטש דארף עומד זיין, וואס אלעס איז תלוי אין די קדושה וואס מען לייגט אריין אינעם קינד פון ווען ער ווערט געבוירן, ער זאל וויסן אז מען דארף זיך האלטן בקדושה. אבער אויב נאכדעם וואס מען מל'ט א קינד, און מען פארגיסט אים זיין בלוט, גייט מען און מען פארקויפט אים קיין מצרים, אין א ערות הארץ, וואו ער האט אזעלכע נסיונות, וואס על פי דרך הטבע איז שווער אז מען זאל ניצל ווערן, איז דא א תביעה נישט נאר אויף דעם וואס מען האט אים פארקויפט, נאר עס איז אויך דא א תביעה אויף די גאנצע ענין פון מילה וואס מען האט אים גע'מל'ט, וואס מען האט פארגאסען בלוט פונעם קינד, כדי מען זאל אים אריינברענגען אין קדושה, און נאכדעם גייט מען און מען פארקויפט אים אויף מצרים. וגם דמו הנה נדרש, אפילו די דם פון מילה וואס מען האט פארגאסן זיין דם, איז אויך הנה נדרש.

*

***שבת קודש פרשת וישב***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הרב **שלמה זלמן כ"ץ** שליט"א.

תפלת מוסף התפלל **רבינו שליט"א** לפני העמוד, לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **שלמה ענגלענדער** ני"ו (חתן הר"ר חיים אלטמאן הי"ו), ושל החתן **אליעזר עקיבא גאלדבערגער** ני"ו (חתן הר"ר אהרן קאהן הי"ו). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי חיים אבערלענדער שליט"א** אב"ד ווילעדניק (מאנסי).

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ראזנוואסער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר אלטר ישעי' ראזנוואסער ע"ה).

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **משה שלעזינגער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בן הר"ר **שמואל ראאב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלי' משה כ"ץ** ע"ה.

**רבינו שליט"א** חזר לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי אשר אנשיל שעהר שליט"א**

אב"ד קלעסאן, עב"ג בת הרה"ג **רבי משה טייטלבוים שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש קלעסאן.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה לראשי העסקנים של חתונת נכד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, שהתקיים בבית בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א מסיבה וואס מען האט געמאכט פאר די הויפט עסקנים, וואס האבן צוגעשטעלט די חתונה. רבי משה מרדכי האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון הכרת הטוב, ווען מען באקומט א טובה פון א צווייטען, דארף מען עס שטענדיג געדענקען, און מכיר טובה זיין. די תורה פארציילט די וואך אין די פרשה (לז-יב), וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם בשכם, די ברודערס פון יוסף זענען געגאנגען פאשענען די שעף פון זייער פאטער יעקב, אין די שטאט שכם. און רש"י זאגט, נקוד על את, עס איז דא פינטלעך העכער די ווארט 'את', שלא הלכו אלא לרעות את עצמן, זיי זענען געגאנגען זיך אליין פאשענען. די מפרשים טייטשן, אז עס איז אזוי ווי די פסוק איז צוטיילט אין צוויי. וילכו אחיו לרעות, זיי זענען געגאנגען זיך פאשענען, און אויך את צאן אביהם בשכם.

**דער חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו קנה:) זאגט, אז דורכדעם וואס זיי זענען געגאנגען קיין שכם, און יוסף איז זיי נאכגעגאנגען, איז געווארן מכירת יוסף, און יוסף איז אנגעקומען קיין מצרים, און אין די שנות הרעב האט ער אויסגעהאלטן שפעטער יעקב מיט די שטוב. און נאכדעם איז גאנץ כלל ישראל אראפגעגאנגען אויף מצרים, און ווילאנג יוסף האט געלעבט, איז אלעס געווען אויפן חשבון פון יוסף. דורך דעם וואס זיי זענען געגאנגען דעמאלטס לרעות את צאן אביהם, זענען זיי נישט נאר געגאנגען צו פאשענען די שעף, נאר לרעות את עצמן, זיי זענען געגאנגען זיך פאשענען, ווייל פון דעם איז ארויסגעקומען שפעטער כי למחיה שלחני אלקים לפניכם, אז דער אייבערשטער האט אים געשיקט למחיה.

*

**עס** קען אפשר זיין נאך א געדאנק דערין. די תורה פארציילט שפעטער, ווען יוסף איז געווען ביי פוטיפר אין שטוב, און נאכדעם האט ער געהאט דעם נסיון, און ער איז אריינגעגאנגען בבית הסוהר, זאגט דער פסוק (לט-כג) אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה בידו, דער שר בית הסוהר האט גארנישט געזעהן עפעס אין זיין האנט, באשר ה' אתו, ווייל דער אייבערשטער איז געווען מיט אים, ואשר הוא עושה, ה' מצליח. עס איז א שווערער פסוק וואס דאס מיינט, אז דער שר בית הסוהר האט נישט געזעהן מאומה בידו.

**פאר** דעם, ווען ער איז געווען ביי פוטיפר אין שטוב, שטייט אויך אין פסוק די זעלבע לשון (לט-ג) וירא אדוניו כי ה' אתו, זיין אדון האט געזעהן אז דער אייבערשטער איז מיט אים, וכל אשר הוא עושה, ה' מצליח בידו, וואס ער טוט, איז ער מצליח. ויהי מאז הפקיד אותו בביתו ועל כל אשר יש לו, פון ווען יוסף איז אריינגעקומען אין שטוב, ויברך ה' את בית המצרי בגלל יוסף, האט דער אייבערשטער געבענטשט די שטוב פונעם מצרי, ויהי ברכת ה' בכל אשר יש לו בבית ובשדה, ער האט געהאט א ברכה איבעראל וואו ער האט זיך געדרייט, אין שטוב צו אין פעלד, אזוי ווייט אז ויעזוב כל אשר לו ביד יוסף, ער האט אלעס איבערגעלאזט אין די הענט פון יוסף, ולא ידע אתו מאומה, עס האט אים גארנישט אינטערעסירט, כי אם הלחם אשר הוא אוכל, דאס האט ער איבערגעלאזט פאר זיך, אבער אויסערדעם האט ער נישט געוואוסט גארנישט, עס האט אים גארנישט אינטערעסירט. די ביזנעס איז געגאנגען, יוסף איז געווען, און עס איז אריינגעקומען א ברכה.

**יוסף** איז געווען ביי פוטיפר אין שטוב איין יאר, און די גמרא (ברכות מב.) דרשנ'ט פון דעם, אז תיכף לתלמיד חכם ברכה, אזוי ווי ער האט אריינגענומען יוסף צו זיך אין שטוב, איז געווארן א ברכה אינעם שטוב. כאטש ער האט אים נישט אריינגענומען אז ער זאל אויסהאלטן דעם תלמיד חכם אז ער זאל קענען זיצן און לערנען, ער האט אים אריינגענומען פאר א עבד, אבער סוף כל סוף ער האט זיך געדרייט דארט, האט ער מצליח געווען. די גמרא ברענגט נאך ראיות, אז עס שטייט אויך ביי יעקב אבינו ווען ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, און מיט דעם וואס לבן האט אים אויסגענארט עשרת מונים, האט לבן מודה געווען, נחשתי ויברכני ה' בגללך (ל-כז), איך קוק אין

מיין נחש, און איך זעה אז מיין גאנצע ברכה איז נאר געקומען צוליב דיר. פון דא איז אויך א ראיה אז תיכף לתלמיד חכם ברכה.

**איך** האב געטראכט, נאך דעם יאר וואס יוסף איז געוועז ביי פוטיפר אין שטוב, איז ער אריין אין בית הסוהר אויף צוועלף יאר. וואס איז געווארן ביי דעם פוטיפר אין שטוב די צוועלף יאר? וואס איז געווארן פון די גרויסע ביזנעס וואס איז געוועז ביז יעצט? עס איז אים געגאנגען אזוי גוט, אז ער האט גארנישט געוואוסט, נישט בבית און נישט בשדה. ער האט געזעהן אז אלעס איז אנגעקומען אין זכות פון יוסף, און ווען יוסף איז ארויסגעגאנגען, וואלט זיך געדארפט אלעס איבערדרייען. אויב ער האט געהאט אביסל שכל, וואלט ער געדארפט צוריק ברענגען דעם יוסף צו זיך אין שטוב, ער זאל האבן די ברכה ווייטער. עס איז נישט מסתבר אז עס זאל זיין ביי אים די ברכה ווייטער אין שטוב, נאכדעם וואס יוסף איז ארויסגעגאנגען פון שטוב.

**איך** האב געזעהן אין **למכסה עתיק** פון **רבי חיים קניבסקי שליט"א**, וואס ער ברענגט א מדרש (שכל טוב), אז דער פוטיפר איז אויך געוועזן דער שר בית הסוהר. ער איז געוועזן דער רב הטבחים, און ער איז אויך געוועזן דער שר בית הסוהר. אויב אזוי קומט אויס אז יוסף איז נישט ארויסגעגאנגען פונעם רשות פון פוטיפר די גאנצע צייט. און ווען ער איז געוועזן דארט, האט זיך דער שר בית הסוהר צוגעשטעלט צו יוסף, ויתן חנו בעיני שר בית הסוהר, ער האט געהאט דארט חן, ויתן שר בית הסוהר ביד יוסף את כל האסורים אשר בבית הסוהר, ואת כל אשר עושים שם הוא היה עושה. קומט אויס, אז עס איז נישט אוועקגעגאנגען די ברכה וואס ער האט געהאט ביז יעצט, ווייל יוסף איז טאקע נישט געוועזן ביי אים אין שטוב, אבער יוסף איז נאך אלץ געוועזן אונטער זיין רשות, און ער האט ווייטער מכבד געוועזן יוסף מיט וואס ער האט געקענט.

**זאגט** די תורה, אז אזוי ווי ווען יוסף איז געוועזן ביי פוטיפר אין שטוב, האט ער אלעס איבערגעגעבן אין די הענט פון יוסף, ולא ידע אתו מאומה, ער האט גארנישט געוואוסט פון זיינע געשעפטן וואס עס טוט זיך, ווייל אלעס האט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון יוסף, די זעלבע ווען יוסף איז געוועזן אין תפיסה, אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה 'בידו', האט דער שר בית הסוהר גארנישט געדארט טון, די ברכות זענען אים געגאנגען ווייטער, באשר ה' אתו, ווייל דער אייבערשטער איז ווייטער געוועזן צוזאמען מיט יוסף, ווייל אז דער שר בית הסוהר איז געוועזן פוטיפר, קומט אויס אז ער האט ווייטער אלעס געהאט.

**די** ברודערס פון יוסף זענען געגאנגען לרעות את צאן אביהם, בפשטות זענען זיי געגאנגען א טובה טון פארן טאטען. מען קען דאך נישט בעטן אז יעקב זאל ארויסגיין פאשען די שעף, האבן די קינדער צוגעהאלפן פארן טאטען. זיי האבן צוגעהאלפן פארן טאטען? דער טאטע האט מער צוגעהאלפן פאר זיי! ווייל אז יוסף קומט אריין צו פוטיפר אין שטוב איז דא א ברכה, איז אז זיי האבן איבערגענומען דעם פאטערס פארמעגן, אז יעקב זאל קענען זיצן און לערנען, איז נישט אז זיי האבן רועה געוועזן די צאן פונעם טאטען, נאר זיי האבן זיך אליין רועה געוועזן. ווייל דאס וואס זיי האבן געטון פאר אים, וועט יעצט אריבערגיין צו די קינדער אין שטוב. ווען עס איז וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם בשכם, ווען זיי זענען געגאנגען גרינגער מאכען פאר יעקב, און זיי זענען געגאנגען פאשען די שעף, נקוד, עס איז געפינטעלט, שלא הלכו אלא לרעות את עצמן, זיי זאלן וויסן אז זיי זענען נישט געגאנגען טון פאר צאן אביהם, זיי האבן געטון פאר זיך אליין, כדי זיי זאלן האבן די ברכה, דורכדעם וואס זיי האבן געטון פאר די צאן אביהם, איז געוועזן לרעות את עצמן.

**די** אלע עסקנים וואס זענען זיך דא צוזאמגעקומען, פראבירן ארויסצוהעלפען מיט אלעם וואס מען קען, איז דא א ברכה וואס דער אייבערשטער גיט ווען מען העלפט ארויס. דער אייבערשטער באצאלט צוריק אין שטוב, אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה בידו, ביי פוטיפר איז געוועזן א ברכה בבית ובשדה, דורכדעם וואס ער האט זיך צוגעשטעלט און ארויסגעהאלפן פאר יוסף, די ברכה באגלייט שטענדיג. די אלע וואס טוען, העלפט דער אייבערשטער שפעטער, אז זיי האבן ברכה אין וואס זיי טוען בגשמיות. זיי האבן א ברכה מיט די קינדער, און אין אלע זייטיגע זאכען וואס עס פעלט אויס.

*

**היינט** נאכט איז די יארצייט פון מיין מאמע ע"ה, זי איז געווען א אשה חשובה, זי איז געווען א מוסר השכל ווי אזוי צו פירן א שטוב. מיר זענען געווען קינדער, און מיר האבן נישט געוואוסט צו שעצן וואס פאר א עלטערן מיר האבן. שפעטער ווען מען ווערט עלטער, און מען הייבט אן צוריקצוקוקען, קוקט מען מיט אנדערע ברילן, און מיט אנדערע אויגן, ווי אזוי עס איז געווען. מען איז דאך אדורכגעגאנגען א קריג, מען איז פארווארפען געווארן פון איין מדינה אויף א צווייטע מדינה, און מען האט געדארפט אנהייבן פון די א' דא אין אמעריקא. די פרנסה איז געווען שוואך אין שטוב, אבער **די שמחת החיים, דאס פריילעכקייט, וואס איז געווען אין שטוב, דאס האט אויפגעבויט די שטוב.** מען האט קיינמאל נישט גערעדט פון וואס מען איז אדורכגעגאנגען, מען האט קיינמאל נישט איבערגעע'חזר'ט, נאר אלץ געזוכט צו בויען מיט א ווארימקייט, די שטוב זאל זיין פריילעך, וואס מען האט געקענט טון פריילעך צו מאכען די שטוב, האט מען אלץ געטון.

**מען** האט פארלוירען א קינד ביי די קריג, מען האט כמעט נישט גערעדט דערפון. מיין מאמע ע"ה איז קראנק געווארן ביי די קריג, און שפעטער איז עס אלץ ערגער געווארן דא אין אמעריקא, און ווען איך בין אלט געווען זעקס יאר, און מיין ברודער רבי שלמה זלמן איז אלט געווען פיר יאר, איז זי נישט געזונט געווען, און זי איז צוויי יאר נישט געווען אינדערהיים. זי האט געליטן ל"ע אויף די לונגען, און מען האט דעמאלטס ערפינדען א אפערעשא"ן, עס איז געווען ניי, און מען גייט עס אויספראבירן אויף מענטשען, צו מען קען עס אדורכגיין, צו נישט. זי האט נישט געהאט וואס צו פארלירן, איז זי אדורכגעגאנגען די אפעראציע, אבער דאס ערהוילן דערפון האט גענומען כמעט צוויי יאר. זי איז געווען אין שפיטאל, און נאכדעם אין א קאנווילעסא"ן הא"ם זיך צו ערהאלען. דארט ווי די קאשוי'ער שטעטל איז היינט אין בעדפאר"ד היל"ס, דארט איז געווען א האו"ם פאר קראנקע זיך צו ערהאלען, און דארט איז זי געווען. און אין די צוויי יאר האבן מיר זיך געוואלגערט, א שבת דא, און א שבת דארט. מיין טאטע איז געווען א רב, און ער האט זיך נישט געקענט אזוי אפגעבן מיט אונז, ער פלעגט אונז צו פיטערן, ווי די סדר איז, אבער ער האט אונז אוועקגעשיקט, און א שטיק צייט בין איך געווען אין קרוינהייטס.

**זי** איז געזונט געווארן און אהיימגעקומען, און צוריק צום מהלך החיים אזוי ווי עס וואלט גארנישט געווען, און צוריקגעברענגט דאס פריילעכקייט אין שטוב. איך זאג עס פאר ענק, עטץ זענטס יונגעלייט, מען האט דאך קינדער, מען זאל וויסן, אויב די שטוב איז רואיג, דאס בויט א שטוב. איך האב קיינמאל נישט געהערט ביי אונז אין שטוב שרייען, זיך רעגן, עס האט נישט עקזיסטירט. איך קען ציילען מיט די פינגער וואס איך האב אמאל געזעהן מיין מאמע אדער מיין טאטע שרייען. די שטוב האט מען געפירט על מי מנוחות, רואיגערהייט. און דאס רואיגקייט וואס איז געווען אין שטוב, דאס האט געבויט דאס ווארימקייט, מיט די ליבשאפט, מיט אלעס וואס פעלט אויס, אז קינדער זאלן נתחנך ווערן פאר נארמאלע קינדער.

**מיין** מאמע ע"ה האט אסאך צוגעהאלפן פאר מיין טאטע זכרונו לברכה, ער זאל קענען זיצען און לערנען. זי האט גענומען אויף זיך די גאנצע עול פון שטוב, אויסער די פרנסה, אבער די איבריגע זאכען האט זי צוגענומען פון אים, ער זאל נישט דארפן טון. זאל זי זיין א מליצה יושר פאר אונז אלע, מען זאל ווייטער קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. און ענק זאל דער אייבערשטער העלפן אי"ה, אז מען זאל קענען ווייטער זיך צוזאמקומען אויף שמחות, פריילעכערהייט, מען זאל זיך קענען מיט פרייען איינער מיטן אנדערן'ס שמחות. דער באשעפער זאל צושיקן ברכה מיט הצלחה אין אלעם וואס מען טוט, און מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א לעכטיגען חנוכה, און א לעכטיג יאר, און אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.